STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01791

SHVELN

Israel Ch. Biletzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיט ליבע — מיינע עלטערן

י. ח. בילעצקי

שוועלן

לידער

אַרויסגעבער
יידישער ליטעראַטור און זשורנאַליסטן - קלוב אין ארץ-ישראל

תל-אביב 1938

Printed in Palestine

דפוס „ליגא", רמת-גן   ארץ-ישראל   דרוקעריי „ליגא" רמת-גן

מײַן וואָרט —
אין אים מײַן פֿעסטקייט און מײַן וואַקל.
ער שרעקט מיר, ס׳שרײַט אַרויס פֿון אים:
סך - הכל...

כ׳וועל פירן מיינע טעג

כ׳וועל פירן מיינע טעג אנטרינקען זיך ביים ברונעם,
זאָלן שטומע צינגער לעשן זייער דורשט:
אַז עמער איז אַראָפּ, אַז עמער איז געקומען,
זאָלן אויגן — שפּיזן שטילן זייער גלוסט...

בויגט איין די קעפּ, ווייל קיינעם לויפט דער עמער ניט אַנטקעגן,
מיילער עפנט אויף און פולקייט טרינקט,
וואַסער גיסט זיך איבער עמער־ברעגן,
אַ שאָד איז יעדער טראָפּן אין טיפקייטן וואָס זינקט...

קוקט, ווי זון שטעכט דורך דאָס האַרץ פון טיפן ברונעם,
ווי שטראַלן טרינקען אַן זיך טרונק נאָך טרונק,
אויסגעפלאָכטן האָבן זיי אַן עמער, אויסגעשפּונען,
איז טרינקט פון שטראַלן־עמער שלונג נאָך שלונג...

און זעט! ווי ברונעם בענקט זיין וואַסער־קינד אויפהויבן
און אייך דערלאַנגען פולע עמערס גליק,
איז בויגט די קעפּ און טרינקט פון עמערס גלויבן, —
אויסגעטרונקען און אַראָפּגעלאָזט צוריק דעם עמער און די שטריק.

כ׳וויל, טעג מיינע, אייער ניט געשטילטן דורשט דאָך שטילן,
און שטילן כ׳וועל דורך דעם מיין יאָמער, קלאָג,
כ׳וויל שוין ניט אין בלאָנדזען אייך פאַרשפּילן, —
שלמותדיק זאָל גוססן מיין טאָג.

ס׳גייט אויף מיין וואָרט

ס׳גייט אויף מיין וואָרט מיט ווײ, יעדער וואָרט איז מיין נייער געבורט,
ווי קערנער פאַרזייטע אין טיפן פון פעלזיקן טראַכט,
עס באַגלייט מיין איינזאַמען לעבן אַ ניט געשטילטער פיינפולער דורשט
און פאַרוועבט און פאַרשפּינט מיינע יאָרן אין נעצן פון טאָג און פון נאַכט.

צעשאָטן ליגן די יאָרן, מיט צער די ביימן צעאַקערט,
צו צייטיקייט מיין יעדע שעה האָט זיך געריסן,
פונקען האָבן אויפגעריסן זיך אין פלאַקער
און יעדער טאָג דערציטערט פון געשריי פון מיין געוויסן...

ווי וואָלקנס אין די הימלען, האָבן שטום צערעדט זיך הונגעריקע ווערטער,
כ׳האָב געוווסט: אין וואָרט ליגט הייליקייט פון זיין,
נאָר אין וואָרט מיינעם, בין איך אויך אַ ניט דערהערטער,
ווייל שוואַך איז טויטער אות אויסדריקן אַ טיפן פיין.

איז ניט דערזאָגט בין איך פאַרבליבן, אַ ניט דערטרוימטער טרוים,
ס׳איז דער קלאַנג געשטאָרבן מיטן ערשטן צי פון בויגן,
אַ ניט דערטראַכטע מחשבה, אַ פאַרלאָרענע אין רוים,
געגוססט אויפן שוועל, אין נעפּלדיקע ווייטקייטן פאַרפלויגן.

ס׳גייט אויף מיין וואָרט מיט ווײ, מיט ליבע און מיט כּעס,
סתירותדיק אַזוי (דערפאַר אַ ניט דערהערטער?)
מיט שאָטנס אין מיין קאַמער, מיט געשריי פון שטיין אין גאַס
גייט אויף מיין רייפער לעבן אין מיינע ווערטער.

נאַקעטע

נאַקעטע —
און לאָמיר זיך דערקענען איינער מיט דעם צווייטן,
ס'איז זומער אָנגעקומען,
איז לאָמיר אונדזער טיש מיט ברויט און וויין היינט גרייטן...

און לאָמיר רעדן פּראָסטע רייד, פאַרשטאַנען כ'וויל היינט ווערן,
פּראָסטע רייד, ניט ווי דיכטער, און אָן גראַמען,
איך און דו און דו און איך,
ניט אָפּגעשיידט — צוזאַמען. —

פאַרשטאַנען כ'וויל היינט ווערן, גליקלעכע מינוטן,
זאָלסט אויפנעמען מיין וואָרט און אים צוזאַמענגיסן
מיט אַלע שטומע אותיות, וואָס וויינען אין די בלוטן,
מיט אַלע סתירות דיינע, מיט אַלע מיינע ריסן...

נאַקעטע —
און לאָז מיין פּוס רוהען אויף דיין שוועל,
דיין העמד פון לייב אַראָפּ —
און נאַקעט אויך זאָל זיין דיין זעל...

פאַרשטאַנען כ'וויל היינט זיין —
ווייל אפשר איז שוין היינט די לעצטע שעה.
פאַרשטייו. כ'האָב אויסגעשעפּט זיך ביזן סוף,
מיין צונג האָט אויסגעלעקט מיין ברונעם ביזן דנאָ...

נאַקעטע —
אָן בייז, אָן פּיין און אָן פאַרדראָס,
נעם מיין האַנט אין דיינער, דריק איר צו,
און פאַלן זאָל צווישן מיר און דיר דער שלאָס,
און דו זאָלסט איך זיין און איך זאָל ווערן דו...

מיינע הענט

ווי שטיקער פייער מיינע הענט, געצונדענע,
צו הימלען הויך געהויבן.
און דאָך: צו גרויער ערד געבונדענע,
צו אויפגעאַקערט בייט געשמידט.
און ווען מיין ליד
אין ווייטקייטן פארפלויגן,
האָט דעם גרויסן ציטער פון דער וועלט
טיף אריינגעזויגן...;
געבענטשט דו זיי, מיין טאָג, געהייליקט זיי, מיין נאַכט,
איר גוססדיקע שעה'ן פון מיין זיין,
מיין וואָרט כ'האָב פאַרזייט אין אייער בלוטיק טראַכט,
און הויך האָט זיך צעוואַקסן די זריעה פון מיין פיין...
און ס'קלינגט אַ קול אין צעשטורעמטן געדריי:
דאָס טיפסטע אין דער וועלט איז דעם געפייניקט מענטשנס ווי...
נאַכט. און אַ שטערן פאַלט.
נאַכט. לויפט אַ קראָ פאַרביי, אַן אומעטיקן קוואַ פאַרזייט.
נאַכט. הויבט עמיץ ווער אַ האַק אין וואַלד,
גאוה'דיק שפּאַצירט דער טויט,
אַ דיכטער שרייבט זיין לעבן אויף —
אומעטיקע רייד — — —
גלין-גלאָן קלינגען גלאָקן אין דער וועלט מיט גרויס געוויין:
וואָס טראַכסטו, מענטש, ביינאַכט, — אין שפּעטער שעה אַליין?...

אזוי...

אזוי האָט מיין ליכט זיך געלאָשן: אַ ווינט אויף זיין קול זיך צעשריגן,
געבלאָנדזעט, געזוכט אין דעם צימער, אַ גוסנן פנים באַוויזן,
אַ בת־קול פאַרשטומט און פאַרשוויגן, אַן איינזאַמער, בלאָנדזענדער נגון,
דערטרונקען אין נאַכטיקן חושך, געקושט און געהאַלדזט זיך מיט טויט...

אזוי האָט מיין טיר זיך געריסן: אַ האַנט אַ געהיימע פון דרויסן,
דורך אָפענע פענסטער געוואָרפן הויפנס מיט גליווער און שרעק,
און פלוצלונג האָט שטילקייט מיט שטורעם אָנגעהויבן יוירן און ברויזן,
אויפגעפראַלט פענסטער און טירן, אין צעשוווּמענער ווייטקייט אַוועק...

אזוי האָט מיין שטערן געטוקט זיך: לבנה אין בלאַסקייט פאַרגאַנגען,
דעם הימל אויף שטיקער צעשפּאָלטן: קריעה נאָך קריעה, אַ ריס נאָך אַ ריס,
אַ ליד אויפגעשריבן, אין הויכן געפלאַטערט און שטיל אויסגעגאַנגען,
אויף וועגן פאַרשטויבטע אַ מידער, אויף אָפגרונטן טרעטן די פיס...

אזוי האָט מיין וואָרט זיך געצאַפּלט: אין פריידן געהילט און באַטרערט,
אַרויף און אַראָפּ אויף די שטאַפּלען, אין נידער, אין הויכן, אין גאַנג,
אין בלויקייט פון הימלען פאַרקראָכן, געגראָבן אין גרויקייט פון ערד,
געוואַקסן פאַר שיינקייט און שנייט אַ פולער מיט קערנער אַ זאַנג...

אזוי האָט מיין לעבן געפיבערט: אַליין און מיט אַלע צוזאַמען,
אין לידער פאַרוועבט און פאַרשפּונען דאָס צאַנקען פון מינוט נאָך מינוט,
באַדראָט, ווי אַ ליכט דורך פיל ווינטן, אויף עקדות געפלאַקערט אין פלאַמען,
און איבער אַלץ האָט געשטורעמט דאָס זינגען פון מיין קיינמאָל
געשטילטער בלוט...

ביי שטילע וואסערן

ביי שטילע וואסערן בין איך געשטאַנען און אַליין כ׳האָב זיך דערזען:
ס׳האָט מיין פּנים זיך געשפּיגלט, ווי ס׳שפּיגלט אָפּ מיין אינזיך אָט די פּען...

ס׳האָט אויסגעזען מיין פּנים אַזוי בלאַס, און אויגן נאַכטיקע אַזוי
דערשראָקן,
ס׳האָבן זיך אין שטילע וואסערן געשפּיגלט וואָלקנדלעך, וואָס יאָגן
זיך און יאָגן...

און ס׳האָבן אויגן מיינע טיף פאַרקוקט אַראָפּ צום אימהדיקן גרונט,
און ס׳האָבן שטילע וואסערן געלעקט דעם ברעג, ווי שטילע נאַכט
מיין ווונד...

איז אַ ווינטל דורכגעפלויגן, רייטנדיק אויף וואסערן אַוועק,
האָב איך נאָכגעקוקט דעם ווינט, נאָכגעבליקט זיין וועג...

און כ׳האָב דערזען אַ שטערן אויפן הימל איז אויפגעגאַנגען רויט,
ס׳האָט זיך האַרץ ביי שטילע וואסערן מיט אומרויקער פרייד פאַרזייט,

ס׳האָט זיך אויך דער שטערן אין די וואסערן געשפּיגלט,
און אַרום מיין בלייך געזיכט קליינע כוואַליעלעך פאַר׳עגול׳ט.

בין איך געשטאַנען און געזאָגט אַ תּפילה פאַר מיין מידן טאָג:
כ׳האָב זיך דערזען — — — אַ וואָרט האָט ס׳האַרץ גענאָגט...

און פּלוצלונג: אַ שטיין האָט עמיץ ווער אין וואסערן געשליידערט,
ס׳האָט מיין געשטאַלט אַלץ מערער זיך דערווייטערט...

ס׳האָט מיין האַנט אַליין געוואָרפן אין די וואסערן דעם שטיין,
כ׳האָב זיך דערשראָקן בלייבן ווייטער דאָ מיט זיך אַליין...

ביינאכט לעם ברונעם

איז געשטאַנען אַ מענטש לעם אַ ברונעם
פאַרטראַכט
און געקוקט אין דער טיף.
אויף הימלען און ערד איז געלעגן אַ נאַכט
און טרוימעריש פאַרוואָרפן אַ בליק
אין וואסער.
און שטערן זיי האָבן געשעפּט פולע עמערס
ביז דער ברונעם איז טרוקן געוואָרן...
איז געשטאַנען אַ מענטש פאַרקלערט לעם אַ ברונעם
און געשפיגלט מחשבות אין טיפקייטן.
און פלוצלונג:
אַ דנאָ!
טרוקן דער ברונעם, קיין וואסער ניטאָ...
אַרום נאָר איז נאַכט...
אַרום נאָר פאַרגליווערטע רו מעפיסטאָפעליש
חוזקט און לאַכט...
און אַ מענטש איז געשטאַנען און געקוקט אין דעם דנאָ
און געוויינט אין דער שטילקייט פון נאַכט...

* * *

אמאָל האָב איך געזוכט אַ תּיקון אין געשריי:
פאַר מיין גוף, און פאַר יעדן גליד, וואָס זינגט אין מיר,
און ס׳האָט זיך הויך צעשריגן אין דער נאַכט מיין קול
און מיט שטורעם אויפגעפּראַלט האָט זיך מיין טיר...

און געהאַקט כ׳האָב מיין קאָפּ אין וואַנט און שטיין
ביז בלוט כ׳האָב דערזען אויף מיינע הענט — — —
(אַ יונגער מענטש זיין תּיקון דאַן געפינט
ווען אין אומרו, פייער זיין קערפּער ווערט פאַרברענט...)

האָב איך פאַרשוויגן (און פון מיין שווייגן האָט זיך
דערהערט געשריי,)
האָב איך רויק שוין געלייגט מיין קאָפּ אויף דעם געלעגער,
האָב איך שטום געטראָגן דער משא פון דעם מענטש,
מיט אַ שטריק פאַרבונדן ווי אַ טרעגער...

און ס׳האָט דער שוויגן טיף צעאַקערט מיינע ביינער,
און ס׳רייסט זיך וויטער שוין געשריי פון ברוסט,
אַז ניט אין שווייגן כ׳וועל מיין תּיקון דאָך געפינען
דאָס האָב איך זיך פון מיין ליד דערוווּסט...

כ׳נעם צו

כ׳נעם צו פון יעדן טאָג זיין שולד,
פון יעדער נאַכט אימה כ׳נעם —
כ׳טראָג מיט ציטער און געדולד
מיין גורל.

פון אַלע אויגן בענקשאַפט כ׳זויג,
פון אַלע הענט — געשריי,
פאַר יעדן מענטש מיין קאָפּ כ׳בויג
אַזוי.

אַלע גופים ווי איין גוף,
חלומות אַלע נאָר איין חלום:
אַלע רייסן זיך אַרויף,
אויך וואָרצלען וואַרפן קעפּ אין הויכן...

אַלץ צעוואַקסט זיך און צעבליט,
אַלץ פאַרוועלקט און פאַלט אַראָפּ,
שאַרף פון חלף פאַרן שניט,
גרייט אַ מענטש זיין אייגן קאָפּ.

בוים און מענטש געהילט אין שווייגן,
נעכט און טעג זיך דרייען,
הענט — ווי אָפּגעהאַקטע צווייגן,
טריט מיט בלוט אויף ווייסע שנייען...

אַלע הענט מזבחות צינדן,
קיינער וויל נישט לעשן:
יעדער איינער וויל נאָר בינדן,
אַלע ווילן דרעשן.

אַלע לונגען זאַפּן איין
שטיקער טויט און גליווער,
טרעטן גרויסע מחנות בלינדע
אין תהומות טיפע, גריבער.

דאָס ליד פון שקלאַף זינגען שלעסער,
גרויע ווענט און קייטן,
שאַרפט זיך מעסער אין אַ מעסער,
איינער אין דעם צווייטן...

פון אַלע אויגן בענקשאַפט כ׳זויג,
פון אַלע הענט — געשריי,
פאַר יעדן מענטש מיין קאָפּ כ׳בויג
אַזוי.

פערזן

טראָפּנס בלוט און טראָפּנס שווייס און טראָט נאָך טראָט,
פון שוועל צו שוועל, פון ראַנד ביז ראַנד זוכט אַ מענטש זיין גאָט,
אַהער, אַהין און דאָרט און דאָ, אַן אויג אין ווייטקייט בליקט,
אויף הימל־וועגן און ערד־שטעגן מחשבות האָט צעשיקט...

טראָט נאָך טראָט זינגט עקשנותדיק דער מענטש זיין ליד.
אין קלעם פון גלויבן שטענדיק איינגעשמידט,
שוין פאַרוואַנדלט אויך דעם שבת אין אַ גרויער, שווערער וואָך,
גייט אַ מענטש און וואַנדערט אום און זינגט אַ ליד: און דאָך...

און פאַרוואָרפן זענען נעצן און פאַרשליידערט זענען שטריק,
טרעטן פיס געשטרויכלטע אויף אַ צעוואָרפן בריק,
און אונטן אויסגעשפּרייט אַ טיפער תהום, וואָס דראָט —
פון שוועל צו שוועל, פון ראַנד ביז ראַנד זוכט אַ מענטש זיין גאָט...

און דאָ און דאָרט אויף וועגן־שטעגן אַן אָפּגעהאַקטער אבר,
בלוטיקט לייב און ס'וויינט נשמה, הענט גראָבן אום אַ קבר,
און ס'וואָרט אין ציטער און אין אימה דער אייגענער געביין,
שטייט אַ מענטש און גראָבט אַ גרוב פאַר זיך, פאַר זיך אַליין...

וואַלגערט אום זיך מענטש אויף וועגן, דער גלויבן לאַנג צעטראָטן
הענט בלייבע האָבן לאַנג דער גרוב שוין צוגעשאָטן,
היינט וואַקסט אויף אייגן קבר אַ שטעכעדיקער דאָרן,
געבליבן נאָר זכרונות פון אומרויקע יאָרן...

געפאַנגען אין זיין צימער, אין אייגענע פיר ווענט,
געשווענקט האָט רעגן, שטורעם פון הויז דעם פונדאַמענט,
צעוואָרפן ליגן חורבות און וויינען אין דער נאַכט,
און קולות פון פאַרווונדעטע רייסן אויף צעפּייניקט טראַכט...

שטאַרבט אָפּ דאָס ליכט, די וועלט געהילט אין שקיעה,
גאָט און מענטש געהאַנגענע אויף ערד־און־הימל תליה
און ס'וואַרפן זיך צוויי גופים אויפן הויכן עשאַפאָט:
לאַכט גאָט פון מענטש און מענטש הויך לאַכט פון גאָט...

און ווען גייסט אליין פארנאכט מיט יאוש אָנגעטרונקען
מיט מידן קאָפּ צו ערד געבויגן, אין שווייגן איינגעזונקען,
הערסטו גאָט און מענטש אין קריג: ווער וועמען האָט באַשאַפן,
צו מענטש האָט גאָט געבוירן, צו גאָט מיליאָנען שקלאַפן...

און זעסט דעם טוי אויף גראָז, דאָס איז דער גרויסער טרער,
וואָס איז געפאַלן אין געראַנגל צווישן הימל, ערד,
און זעסט, ווי ס׳פאַלט אַ שטערן, דאָס איז דער גרויסער צער
פון שטייגן און פון זינקען, פון שקלאַף ווי אויך פון האר...

זינג איך היינט מיין ליד, אַ ליד ווי טויזנט קריעה׳ס,
שרייב איך אויף מיט בלוט מיין וואָרט אויף ערדישע מגילות — — —
צאַפּלען זיך די אותיות, אותיות שטומע — גסיסה,
קאָרטשעט זיך אין ווייטאָק מיין גוף פאַרשמידט אין תפיסה...

כ׳וועל גיין

געזאנג פון הינטישן בילן
וויל זיך קיינמאָל אין נעכט ניט שטילן.

געזאנג פון בלוט און ביין —
איז יאָמער, איז ווײ, איז געוויין;

ליד פון אומרו און פיבער —
דעם אָפּגרונט וועסט קיינמאָל אריבער.

ליד פון פּיין און צער —
בלאָנדזשעט אין וועלט אַזאַ נאַר...

וואָרט פון וואָר און טרוים —
העגט און פּיס אין צוים.

וואָרט פון ספק און גלויבן —
געפאַלן אַנידער, דערהויבן...

וואָרצלען אין טיפקייט פאַרקראָכן,
אויף אַקסלען ווייאיקע יאָכן...

וואָרצלען אין תהומות געשלאָגן —
מיין שאָטן איך וויל איבעריאָגן.

כ׳וועל גיין, כ׳וועל גיין, כ׳וועל גיין,
מיט געזאַנג פון בלוט און ביין...

טונקלט זיך אָוונט

טונקלט זיך אָוונט. פאַלט אָן אויף די בוימער
אַ חלום, אַ דרימל...
דו זעסט ווי אַ האַנט אַ געהיימע
מאָלט אוים אויפן הימל
אַ צייכן — — —
און דו ווייסט ניט וואָס זאָל עס באַדייטן:
אַ האַנט אַ געהיימע אין הויכן...;

טונקלט זיך אָוונט, צעווייינט זיך דאָס האַרץ אין געיאָמער,
צעשרייט זיך געווייסן,
ס'הילכט אָפּ די נשמה פאַראומערט,
ס'צאַפּלען זיך ריסן
פון גלידער
און דו ווייסט ניט וואָס זאָל עס באַדייטן:
ווער שרייבט עס אויף הימלען הײנט לידער?...;

טונקלט זיך אָוונט. אויף הימלען לייגט אוים זיך אַ כמאַרע,
אַ ווינט לויפט פאַרביי,
דערמאָנסט זיך — אַ נאַרע,
ס'זינגט עמיץ ווער דאָרט פון פריי,
און פאַרגייט זיך אין בענקשאַפט נאָך זון,
שווייגן די ווענט. וואָס בלייבט דעם געשמידטן דערפון?
בלייבסטו שטיל. פאַרוואַרפסט דיין בליק אין די וויטן,
און דו ווייסט ניט וואָס זאָל עס באַדייטן?

טונקלט זיך אָוונט. דו ווייסט דער טאָג איז געשטאָרבן,
די נאַכט איז געקומען דעם מת צו באַקלאָגן,
ציט זיך דער וואָגן,
נאָך אים אַ לויה פון האַרבן,
קאַליקעס טעג קומען אָן דיר אַנטקעגן — — —
היינט ווייסטו וואָס טוט עס באַדייטן? —
קאָשמאַרן זיך שלייכן הרוגים פאַרבייטן...

טונקלט זיך אָוונט...

א ליד

ווען עס קומט די נאַכט דיר אָן אַנטקעגן,
און בויגט איר שוואַרצן קאָפּ צו דיין מידן טראָט, —
שפּרייט אוים דיין צער אויף אומרויקע וועגן,
און זיי מתפּלל אין דיין איינזאַמקייט צו גאָט...

קומט די נאַכט דיר אָן אַנטקעגן און צינדט אין דיר באַגערן,
געהיימע סודות און רמזים פון אַלע ווינקלען ווינקען —
דערצייל דיין ווי פּאָר זינגענדיקע שטערן,
און זאָל דער חושך פון דיין ברונעם טרינקען...

ניט זוך דיין פריינט, ער וועט שוין היינט ניט קומען,
אויפגעשריבן האָט ער נאָר אַ וואָרט:
אין שוואַרצער נאַכט בין איך פאַרגאַנגען און פאַרשוווּמען,
אין שוואַרצער נאַכט איך זוך אַ היים, אַן אָרט...

איז גיי, וואַנדער אום און זוך מיט אים צוזאַמען,
ס'וואַרטן וועגן אויף דיין מידן טראָט,
ס'פאַרברענט נשמה הונגעריקע פלאַמען,
ס'רייסט זיך האַרץ אין הימלען צו אַ גאָט...

איז גיי מיט אים צוזאַמען זוכן זיך אַליין,
אין גרויסער וועלט דיין אומרויקן איך געפינ,
שוואַרצע קראָען וואַרטן אויף דיין סקעלעט, געביין,
אין דיין שפּינוועבס צאַפּלט זיך שוין דאָרט אַ שפּין...

איז זינג אויף וועגן אוים דיין ליד פון ציטער,
זינגענדיק הויב דיינע פים פון שטאַפּל צו אַ שטאַפּל,
פאַרוועב דיין לעבן אין דעם שטורעם,, אין געוויטער
און ווי אַ שטערן אין די הימלען פינקל אין דיין צאַפּל...

הוידע, הוידע זיך, מיין לעבן

הוידע, הוידע זיך מיין לעבן, וואַרף זיך, וואַרף זיך אין די הויכן,
צו דער זון און צו די שטערן וועסטו קיינמאָל ניט דערגרייכן.
זינקסט אַראָפּ צו גרויער ערד, אַראָפּגעצויגן אין דער נידער,
הוידע, הוידע זיך מיין לעבן, איך באַזינג דיר אין די לידער...

אין די לידער מיינע גליהען אויפגעפייערטע פיל פונקען,
אין כמאַרעס זיך דעריסן און אין טרויער איינגעזונקען,
און זיך אָנגעזאַפּט מיט וואָלקן און זיך אָנגעזאַפּט מיט צאָרן,
אַזוי זעסטו אויס, דו לעבן מיינס, — אַזוינע מיינע יאָרן...

הוידע, הוידע זיך מיין לעבן, אויף אַן אָרט ניט גליווער,
אין דעם גיין ליגט אונדזער גליק, אונדזער צאַפּל, אונדזער פיבער,
אין דעם יאָגן, אין דעם אומרו, אונדזער לעבן איינגעקלאַמערט,
שרייט דער אייזן אויף קאָוואַדלע, ווייל עס שלאָגט אים ברודער האַמער...

גראָב דו, לעבן מיינס, אין טיף, וואָס טיפער איז אַלץ בעסער,
באַהאַלט זיך אוים אין טיפקייטן פון תלין־האַק און מעסער,
כל־זמן אַן אויג איז אָפן, גלויב: ס'וועט אַנדערש זיין,
פון טיפקייטן וועט אויפרייסן און פלאַצן אונדזער פיין...

ס׳האט דערגאנגען צו מיר דיין געשריי

ס׳האט דערגאנגען צו מיר דער געשריי פון דיין טיף,
כ׳האב דערזען אין דיין הארצן דעם ריס,
פון אויגן א בלוטיקער טראפן ט׳געטריפט —
דיין לעבן: קריעה׳ס אויף קריעה׳ס...

צעריסן פון סתירות: אין הייליקייט, טומאה,
דיין לעבן אין קלעם פון די יארן,
אויף שטעגן און וועגן גלייכע און קרומע,
אויף זיי אויסגעשפרייט ליגט א רויז און א דארן...

און כ׳האב דיר געזען אין דיין אויפשטייג, ירידה,
אין ספק, אין פראגע, אין גלויבן,
אויף שטויביקע שליאכן פים דיינע מידע,
אין אומקום, אין נאכט און דערהויבן...

געהערט דיין געשריי און פארנומען דיין תפילה
אין דיין היים און אויף פרעמדע שוועלן,
פאר מיר אויסגעשפרייט ליגט דיין פארמעט-מגילה
אויף איר אויפגעשריבן שטיים: ע ל נ ט !

א בלינדער ביינאכט און אויף וועגן פיל גריבער,
וואס באלייכטעו לבנה דער נאכט ?
צו קען עמיץ ווער דען די גריבער אריבער,
וען אויגן פארשלאסן, פארמאכט ?

א מענטש אין געראנגל, א מענטש אין נסיון —
כ׳שטרעק אויס דיר מיין ליד און מיין האנט:
(מיין ליד — א הינטישער וואיען,
איז לאנג דיר שוין, ברודער, באקאנט)...

און אויב ס׳וועט מיין ליד און מיין האנט דיר ניט רעטן, —
האב ניט אויף מיר קיין פארדראס:
זיי וועלן דיר העלפן אין פיין זיך אויסקנעטן,
ביז ענדלעך וועט פאלן דער שלאס...

בּיז ענדלעך וועט עמיץ ווער הערן
דיין בּענקשאַפט, געשריי און דיין רוף,
בּיז ערד, הימלען און שטערן
ווּעלן אויפנעמען ס׳געזאַנג פון דיין גוף...

בּיז ענדלעך דיין גלגול פון נגון
דערגיין וועט צו רו און צו בּרעג
און הייליקע ליבּע וועט זיגן
אין גרויקייט און עלנט פון טעג. — — — —

זון....

א.

ס׳האָט היינט זון אַ פּלייץ געטאָן מיט גאָלד,
ס׳האָט דער טאָג געשענקט מיר אַ געשאַנק:
כ׳האָב אַ חוב מיין לעבן היינט באַצאָלט —
כ׳האָב געזונגען היינט אַ ליכטיקן געזאַנג...

ווי אויף ימען כ׳בין געווען אַ זיכער שיף,
געשפּילט זיך מיט סכנות און אַרום כ׳בין גאַנץ,
אַריינגעבליקט אין תהומען, געגראָבן זיך אין טיף —
און זע: ס׳האָט זון אַ פּלייץ געטאָן מיט ליכט און גלאַנץ...

ס׳האָט מיר ניט גענאַרט דער גרויער טאָג,
ס׳איז נאָך וואָר געוועזן העלער ווי דער טרוים,
— אַזויפיל ליכט — האָב איך צו זיך אליין געזאָגט, —
אַזויפיל גאָלד אין שאָטנדיקן נעפּל־רוים...

ס׳איז מיר גוט געווען היינט. יאָרן וואָרצלען פון מיין לעבנס־בוים
טיף אין גרויער ערד אַ וועג געשניטן
און זון די טריט גייט נאָך זוכנדיק אַ היים,
כ׳האָב היינט סכנות אויף די וועגן אויסגעמיטן...

ב.

לעבן! מיט בענקשאַפט מיינע הענט כ׳האָב אויסגעשטרעקט
און געזוינגן זון מיט פולן מויל.
אַ ליכטיקער חלום האָט מיר היינט אויפגעוועקט:
געשטאָרבן דער פחד, ס׳גוססט דער גרויל...

ניטאָ מער קיין שאָטנס, ס׳שרעקט ניט דער שטורעם,
כ׳אַנטלויף ניט פון זיך מער, כ׳האָב היינט זיך געפונען,
אין גאָלדענער זון אויסגעגאָסן מיין פורעם,
אין אַ ליכטיקן טרוים — מיין צאַפּל פאַרשפּונען...

ווי אַ כוואַליע אין ים צע׳הפקר׳ט איך שפּרייז,
און גרייך מיט מיין קאָפּ צו די שפּיצן פון וועלט,
אַ זילבערנער שטערן דעם וועג מיר באַווייזט,
פון טויזנטער זונען געבויט מיין געצעלט...

אַ פלאַם אַרום מיר און אַ פלאַם טיף אין מיר,
אַ תפילה, געשריי פון מיין האַרצן זיך רייסט:
קייטן און שלעסער אַראָפּ פון מיין טיר,
אַ גאָט אַ צעשטראַלטער אַרום מיין היים מאַכט אַ קרייז...

לעבן מיינס, בענקשאַפט, זוניקע טעג,
בויט אין מיין היים אויס גאָלדענע טרעפּ...
(אין לויף, אין דעם שטורעם, אין ברויזן, געיעג,
מיט אייביקן אומרו דער משא איך שלעפּ...)

לעבן מיינס, בענקשאַפט, צעכוואַליעטער ים,
פליגלען שפּרייט אויס און באַשיצט אייער קינד,
זייט גבורה צו ברעכן דעם שלאָס און דעם צאַם,
אין ווייאיקן יאָמער אַ פייער צעצינדט...

אלץ, וואס שיין

אלץ, וואס שיין, און אלץ, וואס גוט,
יעדן טריף פון מענטשנס בלוט —
איך בענטש.

מענטש: צוויי הונדערט אכט און פערציק אברים, דריי הונדערט
פינף און זעכציק גלידער —
דיר זינג איך מיינע לידער,
דיר — — —

ווען ס׳פייפט א שטורעם און א ווינט
און דו צעוויינסט זיך ווי א קינד
קום איך אן — — —

און באגעם דיין צער און פיין,
דיין ווי אין זיך איך עטעם איין
און זינג — — —

א ליד פון פייערדיקן שייטער,
אין טריף פון בלוט ווערסט ריין געלייטערט —
מענטש.

אין טיפער נאכט דיין וווּנדיק גוף
מענטש צו מענטש פארטראגט א רוף:
ג א ו ל ה !

בין איך רויק און איך זאג
פשוט, מענטשלעך: ס׳קומט א טאג
פול ליכט...

און איך מיט אייך צוזאמען כ׳גיי
פארוועבט, פארשפונען אין דעם ווי
פון קאלעקטיוו — — —

אלע הענט זיך שטרעקן, הויבן,
געצונדענע מיט טיפן גלויבן:
ג א ו ל ה...

נע־ונדניקעס אין וועג

ס׳האָט שקיעה אויף מיין פענסטער זיך צעשפּילט,
ס׳האָט נאַכט אין בענקשאַפטן געהילט,
געלעגן אויסגעצויגן און געטרוימט
פון היים,
פון זעט
פון גלויבן — — —
הויפנס טרוימען, ווי טאַנצנדיקע שאָטנס
אין מיין צימער אויסגעלייגט, צעשאָטן,
האָבן מיט בלוט אַ ליד געשריבן —
האָב איך, אַ מענטש, אַ שטומער, שטילער,
גענומען טאָרבע און געפּעק
און מיט אַ תפילה
און אַ קללה
אַרויס אין וויטן וועג.
אויף דעם לייב מיין העמד,
לאַטעס אויף מיין גוף, —
צו אומבאַקאַנטן פרעמד
געהערט האָב איך אַ רוף!...
און ס׳האָט נשמה זיך געצאַפּלט,
ווי העלדזער פון ניט דערשאָכטענע טויבן;
האַרץ צעריסן,
ווי מיין גלויבן
האָט געוויינט, געשריגן און געפרעגט,
ספקות אויפגעוועקט — — — —
נאָר קיינער האָט די טריט אָפּהאַלטן ניט געקענט, —
כ׳בין אַוועק מיט טאָרבע און געפּעק אין מיינע הענט.
האָב איך אויפן וועג אַ צווייטן מענטש געטראָפן,
(אַ מענטש ווי איך: ליב געהאַט דעם גאַנג,
צום ברעג קיינמאָל דערלאָפן),
האָב איך אים צוגעפירט צום ראַנד,
אָנגענומען אים ביים האַנט,
אַראָפּגעקוקט אין טיף און אין אימה אים באַשוואָרן:
צוזאַמען שטענדיק זיין אין חשכות פון די יאָרן...
אַ מענטש ווי איך — אַ הונט.

אַ בעטלער — וואַגאַבונד;
אַ מענטש ווי איך: פון שוועל צו שוועל,
פון אָרט צו אָרט,
צעבייטשט די פעל
און אויף די ליפּן אַ שפּרוך אַזאַ — אַ וואָרט... — — — —
זענען ביידע מיר געגאַנגען, אין האַרצן קוועלט אַ פרייד:
נע ונדניקעס אויף וועגן זוכן זייער היים,
רעדן שטיל צו וועלט אומעטיקע רייד,
(אַ וועלט, וואָס זינקט, ווי מידע פיס אין ליים...)
און אין גאַנג צוויי נע ונדניקעס האָבן אָפּגעזאָגט אַ תפילה
פאַרן מידן מענטש און פאַרן מידן גאָט,
אַ הימל אויסגעשפּרייט ווי אַן אויפגעוויקלטע מגילה,
האָט באַגלייט מיט ציטער יעדן מידן טראָט...
און ווען נאַכט האָט צוגעפאַלן און זון איז אָפּגעשטאָרבן
און שטומער בוים האָט זיך צערעדט אין צער,
האָבן זיי אויפגעבונדן זייער טאָרבע,
אַרויסגענומען זייער ברויט, ברויט פון אומעט און געפאַר...
און געשוויגן האָבן זיי, געשוויגן,
ווייל אַלץ אַרום געלעגן איז אויך שטום,
דער אָרום האָט אויסגעברומט אַ שטומען נגון,
אַ שטומער וואָרט — וואָס האָט געדרעוועט ווי אַ לייב געברום...
און איז אויפגעקומען טאָג, האָבן זיי דער טאָרבע צוריק פאַרבונדן,
געבענטשט דעם אָרט, וואָס האָט אַ ביסל רו געשענקט,
ס'האָט אַ טאָג זיך זונעדיק צעצונדן
און האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף וועלט הייליק און פאַרבענקט...
און געשוויגן האָבן זיי, געשוויגן, ווי ס'שווייגט אַן אבל אין זיין טיפן וויי,
קעפּ צו ערד געבויגן, געזוכט פאַרלאָרענע באַגערן,
אַזוי זענען געגאַנגען מידע וואַנדערער צוויי,
געוואָלט דעם געזאַנג פון אייגן לייב דערהערן.
נאָר נאַכט און טאָג און טאָג און נאַכט
און טאָרבע און געפּעק,
אַ שאַרף פון האַק האָט אומגעבראַכט
וואַנדערער אין וועג......

* * *

געזאַנג פון אַלע וועלטן, געזאַנג פון אַלע מענטשן,
שטורעמט אויף אין מיר, אין מיין פאַרשאָלטן בלוט;
געשריי פון אַלע חיות, פון יעדן שטיין געיאָמער,
אין מיינע טיפקייטן אַראָפּ און רוט.

אַ, כ׳רוף צו דיר, פון טיפעניש, מיט ציטער,
קום היט מיין האַלדז אוים פון דעם חלף־בלאַנק,
זיי מיין ברודער, זיי מיר מיינס אַ היטער,
געזאַנג פון שניטער איז קדיש פאַרן זאַנג — — — — —

טעג מיינע געבונדענע אין שעה׳ן,
נעכט מיינע — ווי טויטע אויפן פעלד,
איינגעזאַפּט האָט זיך אין אייך אַ הינטיש וואָיען,
שטורעם רייסט מיט רוגזה דעם געצעלט...

לעשט זיך, לעשט זיך, שטערן, מידע שטערן,
גוססט, פאַלט פון הויכן אין דער נידער,
ס׳שטייען דיכטער און געזאַנג פון גסיסה הערן,
איין גרויסער אויסגיין פון אַזויפיל ברידער...

געזאַנג פון אַלע וועלטן, געזאַנג פון אַלע מענטשן,
שטורעמט אויף אין מיר, אין מיין פאַרשאָלטן בלוט,
געשריי פון אַלע חיות, פון יעדן שטיין געיאָמער,
אין מיינע טיפקייטן אַראָפּ און רוט...

מיין וואָרט

מיין וואָרט, אַ הונגעריקער הונט, מיט חיה'ש שאַרפע ציין,
רייסט זיך פון די טיפן, קלינגט אָפּ אַרום-אַרום.
מיין וואָרט — אַ פיבערדיק געראַנגל צווישן י ע און נ י י ן,
צאַפּלט זיך און קאָרטשעט זיך און בלייבט אויף שוועלן שטום. —

צו אַלץ, וואָס זינקט אַראָפּ און צו אַלץ, וואָס שטייגט אַרויף,
צו אַלץ אין הויכע הימלען, צו אַלץ אין טיפן תהום:
ווען געשמיסן ווערט דאָס לייב, געפּייניקט ווערט דער גוף,
און אַ שטיין צעברעקלט ווערט אין כוואַליעדיקן שטראָם... —

ווען נעכט זיך הושכן, און וואָלקנס שוועבן אום,
און זונען לעשן זיך אויף גרויער ערד,
ווען פון טאָל און באַרג, ווי אַ לייב-געבּרום,
שרייט אין יאָמער, ווייט דער גרויסער טרער... —

צו אַלץ, וואָס וואַר איז היינט, צו שפּיז און שוואַרצן קנוט,
צו בלאַנק פון שווערד געפעכט, צום גרוים געשריי:
צו קעפּ אָפּגעהאַקטע, צו אויסגערונען בלוט,
אין דעם הפקרדיקן, אויפגעשטורעמטן געדריי... — — — —
נ י י ן! — — —

מיין וואָרט — אַ הונגעריקער הונט — — —
פאַרשטיקטער צאָרן — בונט. — — —

* * *

איינגעוויקלט האָט מיר אָונט אין מחשבותפולן שווייגן,
איינגערוימט מיר אָוונט־סודות, אויסגעלייגט זיי אויף מיין שוועל.
א בוים דערנעבן האָט געדאַוונט, געבויגט צום ווינט די צווייגן,
האָב איך אויך גענומען בעטן:
חורבה׳דיקער לעבן, תהומותדיקע טיפן,
גראָבט אַריין מיין תפילה, אין אייך באַהאַלט איר אוים,
נעמט אויף איר צאַפּל, אומרו, איר בלוטענדיקן טריפן,
זאָל זי פאַר זיך געפינען אַ רויק אָרט, אַ הויז...
פאַרנעמט איר וואָרט, איר נאַכטיק צאַפּל, פלאַטער,
פאַרנעמט איר רוף, איר שווערן, מידן טראָט,
מיין קול איז הונגער, מיין געשריי איז ניט קיין זאַטער,
מיין וואָרט איז הונגער נאָך ברויט און דאַך און גאָט...
מיין וואָרט איז פחד, מיין תפילה — פייער פלאַקער,
מיין געבעט אויף אַלע דערנער צעוואַקסט זיך הויך און בליט,
כ׳בין אויסגעהונגערט נאָך אַ רידל, אויסגעהונגערט נאָך אַן אַקער,
אויף אַ שליאַך אַ ווייטן, ווייטן טרעטן מיינע טריט...
כ׳בין אַן אורח אומעטום,
אַריין, אַרויס, אַוועק,
נאָר בלייבע הענט צו שטומער תפילה
אויסגעשטרעקט...

פרעמד

פאַרמויערט
אין טרויער,
וווּהין לויפט מען אַוועק?
וווּ שפּרייט זיך אַ וועג צו זון און צו ליכט?
געהילט אין מיין שרעק
אָן צודעק, אָן העמד,
געקערט מיין געזיכט
כ׳האָב צו אייביקן פרעמד...
אַנטקעגן געקומען אַ נאַכטיקע שעה,
אַנטקעגן געצישעט אַ שלאַנג מיט זיין גיפט,
געוויינט דער אָרום, געטובלט אין גראָ,
פון בוימער אויף בייטן האָט חושך געטריפט...
הו—האָ — — אַזוי האָט אַ קול זיך אין וויטקייט געשניטן,
אַ פאַרווונדעטע חיה האָט ווילד זיך צעבּרומט — — — —
אין איך אין מיין אַנגסט כ׳בין געשטאַנען אינמיטן,
אַ ליד אויפגעשריבּן און ווייטער פאַרשטומט...
פאַרזונקען אין שוויגן, אין גאָלדענעם טרוים,
אין לויער געוואַרט נאָך אַ ברודערם אַ האַנט,
נאָר דראַנג און באַגער אין אָן אייזערנעם צוים,
און ס׳בּלוטיקט מיין קאָפּ אויף אַ שטיינערנער וואַנט...
אַוועק אין מיין צימער (מיין צימער-שפּיטאָל),
די פענסטער און טירן צעעפנט גאָר ברייט,
האָט נאַכט מיר דערציילט מיט אַ ציטערדיק קול:
ט י ט — — — —

פאַרמאַכט כ׳האָב די פענסטער, די טירן פאַרשלאָסן,
פייער געצונדן צווישן די ווענט —
אַליין כ׳בין פאַרבּליבּן, פאַראיינזאַמט, פאַרלאָזן,
געפּייפט האָט אין צימער אומהיימלעכער פרעמד...

זכרון

אָפּגעמעקט אַ יאָר, אויסגעריסן אים פון תחום.
געקלאַנג פון גלאָקן באַגלייטן נייע־יאָרן,
ווער ליגט עס אַ פאַרבלוטיקטער און ברילט מיט לייב־געברום?
— ז כ ר ו ן . . .

געדענקסטו: ווער געוועזן איז אין וועג באַגלייטער,
ווי יעדער טאָג אַ נאַכט האָט דיר געבאָרן,
דיין שאָטן איז דיר נאָכגעגאַנגען, ווי אַ מענטש אַ טויטער?
— ז כ ר ו ן . . .

און צו ווייסטו ווער אויף דיין לעבן האָט געלויערט,
אין האָט שטענדיק אין דיין לייב געשטאָכן ווי אַ דאָרן
מיט אַ האַק געשטאַנען שטענדיק ביי דעם טויער?
— ז כ ר ו ן . . .

געוואָלט אויסרייסן די טעג און נעכט, פאַרגעסן,
האָט ער שטענדיק אויסגעשאָלט אין האָרן:
כ׳האָב דיין לייב מיט נעגל שאַרפע שוין צעפרעסן,
איך, ז כ ר ו ן . . .

ער שלייכט זיך נאָך און היט דעם טראָט אויף שטיין,
ביז מיין לעצטן טאָג מיר נאָכגיין האָט ער זיך געשוואָרן,
קיינמאָל כ׳קען ניט בלייבן מיט זיך אַליין,
ס׳גייט מיר נאָך דער אומגליק פון זכרון . . .

עקרות-פעלדער

אומפרוכטבארע פעלדער, ווי עקרות, באַוויינען זיך אַליין,
אַ הונט אויף זיי לויפט אום און זוכט אַ דאָרן ביין.
אומפרוכטבאַרע פעלדער, ווי צעפוילטע, קראַנקע לונגען
האָבן אין איינזאַמע נאַכטיקע שעה'ן געזונגען
אַ ליד פון צער און פיין, פון גאַל און צאָרן,
פון זייערע עקרותדיקע, פאַרטריקנטע יאָרן...
נאָר קיינער האָט זיי ניט געהערט, ניט דער טאָג, ניט די נאַכט,
און ווייטער איז פאַרשלאָסן זייער עקרותדיקע טראַכט...
בעטן זיי:
זעזען מיר אויפגעהאָנגען אויף צלמים,
די הענט געקרייציקט אויף דער ברוסט,
ס'שרייט אַרויס פון אונדזער טויטן פנים
צום לעבן — אַ פלאַמענדיקער גלוסט...
מיר וואַרטן, חלומען אויף אַקער און אויף קאָסע,
אויף הויכע זאַנגען פאַרפאַנצערטע מיט קרוינען,
קומט אויף אַ נאַכט לייגט זיך אויס אַ ראָסע —
יעדער פינקל פון דער ראָסע איז אַ טרער פון אונדזער וויינען...
מענטש! מענטש! האַלט זיך אָפּ לעם אונז און שטיי,
אַ פולע האַנט מיט קערנער אין אונדזער ברוסט צעשפּרייט,
זאָלן אויך עקרות-פעלדער וויסן פון פאַרזיי,
פון שמחהדיקן וואַקסן, פון פולע-זאַנגען-פרייד...
נאָר אַלץ אַרום איז שטום, קיינער ענטפערט ניט,
אויף עקרות פעלדער טרעטן אימה טריט...

ס׳וויינען שוועלן

ס׳וויינען שוועלן, ס׳האָבן וואַנדערער פּיס זייער רוקן היינט באַטראָטן,
און אַ טרער האָט היים באַגאָסן יעדער ברעט,
ס׳האָט זון נדבות היינט צעשאָטן,
און אַן אָרעמאַן האָט געמורמלט אַ געבעט. — — —

און פּאַרנומען האָבן שוועלן דעם געשריי פון הונגעריקע ציינער,
דעם געיאָמער פון אויסגעשטערקטער דאַרער האַנט,
(אויפן ברוק האָבן מיטגעוויינט אויסגעלייגטע שטיינער)
בעטלער־טריט איז שוועלן לאַנג באַקאַנט...

ס׳ווילן אַלע שוועלן פון נע־ונדניקעס זיך רעטן,
זיי ווילן מער ניט פילן זייער טראָט,
ס׳ווילן שוועלן־רוקנס זיך מער ניט לאָזן טרעטן —
ניט לאָזן טרעטן! ס׳איז אַ מענטשלעכער און הייליקער געבאָט...

איך שטיי און קוק אויף שוועלן און כ׳זע אין זיי מיין וועלט —
מיין וועלט — אַ שוועל: אַן אָרעמאַן לעם טיר,
האָב איך פאַר מיר אַ הויז אַן שוועלן אויפגעשטעלט,
ס׳וויל פילן גלייך מיין האַנט באַריר פון טיר...

דער ווינט איז מתפּלל

דער ווינט איז מתפּלל, דער ווינט אויף זיין קול זיך צעשרייט,
רייסן אויף זיך די לאָדנס און טראָפּנס באַוויינען די שויבן,
רייסט אויף זיך אַ טויער פון האַרצן, מיין תּפילה פאַרטראָגט זיך
דאָרט ווייט,
און ס'פלאַטערט נשמה, ווי געשאָכטענע העלדזער פון טויבן...

כ'וועל אַרויס פון מיין צימער, כ'וויל ניט מיט פוסטקייט היינט בלייבן,
אַרויסגיין אין דרויסן, דער העמד כ'וועל פאַרטרויען דעם רעגן,
אפשר וועט שטורעם פאַרלאָרענע אוצרות פון נעכטנס אויפקלייבן,
און זון וועט פאַרפלייצן פאַראומערטע, איינזאַמע וועגן...;

אַרויס כ'וויל אין דרויסן, כ'וויל היינט ניט זיין דאָ אַליין,
כ'וויל זיין, ווי אַ טראָפּן פון הימלען, וואָס ליגט זיך אוים שטום
אויף דער ערד;
כ'וויל זיין, ווי אַ שטראָם, וואָס לעכערט דעם אייזן און שטיין,
כ'וויל זיין, ווי אַ חלף, ווי אַ בלאַנקענדער שאַרף פון אַ שווערד...

איינס מיטן רעגן, איינס מיטן שטורעם, צוזאַמען-זיך-שמעלצן,
צוזאַמען-זיך-גיסן,
אין בליץ, אין דעם דונער מיין אומרו פאַרוועבן, פאַרשפּינען,
פייער פון געטער און פייער פון מענטש אין געווירבל זיך שמעלצן
און מישן,
כ'וואָלט דאָן אין הימלען פאַרפלויגן, מיין שכורן גאָט דאָרט געפינען...

כ'וואָלט אים געטראָפן באַטרונקען מיט וויי און מיט צאָרן,
פאַרשכורט מיט גיפט און מיט גאַל און אין פויסטן אַ געפלאָכטענער קנוט,
כ'וואָלט אים אין פּנים געוואָרפן צוואַנציק צעיאָטערטע יאָרן,
און כ'וואָלט אים באַשפּריצט מיט מיין רויטן צעכוואַליעטן בלוט...

פלייץ-זשע, דו רעגן, און שמיים מיר אין פּנים מיט ריטער,
ווייך-זשע, מיין האַרץ, אין דעם שטורעם, אין הפקר פון וועלט,
מיינע ליכטיקע מאָרגנס פון נעכטנס וועלן זיין טרייע היטער,
מיין זון פון דעם מאָרגן וועט געדיינקען די נעכטנס פון קעלט...

ישראליקל אין מיטן וועג

אין מיטן וועג איז ישראליקל געבליבן שטיין,
געקוקט אהער, אהין,
אנגעשפארט זיין קאפ אויף זיך אליין
און געפרעגט אט סתם אזוי:
ישראליקל, וווהין?
קוק ארום. פארשטיי. איז דיין לויפן ניט אומזיסט?
איז דיין לעבן דיר ניט טייער?
ארום איז פוסט, ארום איז וויסט,
שלאנגען, חיות, פלאמען-פייער,
מענטשן, הינט אנטקעגן גייען,
הילכן, קנאלן און געשרייען — — —
און דו צווישן זיי א שטויב,
אין ווילדע מיילער זיסער רויב...;
אין מיטן וועג ישראליקל האט זיך פארטראכט:
אפשר טאקע גיין צוריק? — — —
נאך וואס זיך ברודערן מיט נאכט,
און גיין אויף א צעווארפן בריק,
און זינגען אומרויקע לידער,
פאר האלב-טויבע, שטומע ברידער?...
ווען קיינער זעט, ווען קיינער הערט,
א הארץ אין ווי, און אויג באטרערט...
אפשר טאקע... גיין צוריק... — — — — —
אין מיטן וועג איז א בוים געשטאנען, ספקות אויפגעגאנגען,
איינגעזאפט אין זיך,
שטום געשוויגן און אין שטומקייט זיך צערעדט:
ביזטו, מענטש, צו מיר געקומען
אויפרייסן דיין וווּנדיק איך
און טיילן זיך מיט אומעט?...
גליקלעך ביזטו, מענטש. הער מיין ווארט:
דיין גליק אין דעם:
דו ביזט ניט איינגעווארצלט אויף איין ארט,
ווילסטו וואנדערן דארפסטו קיינעם פרעגן,
און אורח ביזטו אויף די וועגן...
דא און דארט... וווהין דו ווילסט,

אויף סטעזשקעס, וועגן דיין צער דו שטילסט — — —
און איך איינגעוואקסן אין דער ערד,
גליווער, שטיי און כ׳קען פון דאנעט ניט אוועק,
ס׳איז אזוי מיר שוין באשערט,
שטענדיק פיבערן אין שרעק...
צוגעשמידט צום וואָרצל מיט גרודעם-קייטן,
באלאדן מיט משא-צווייגן,
כ׳קען זיך קיינמאל מיט מיין אָרט ניט שיידן,
אין מיין אומגליק שטענדיק שווייגן... — — —
האָט ישראליקל געהערט די טענות פון דעם בוים
און ווידער זיך פאַרקלערט:
איז טאקע שלעכט זיין צוגעוואקסן צו דער ערד,
שטענדיק צוגעשמידט צו היים,
זויגן פון דער ערד דעם זאפט,
האקן וואָרצלען אין דער טיף
מיט א ריזיק, שטאַרקער קראפט?
בוים, קיינמאל ביזטו ניט אליין:
צווייגן זענען דיינע שוועסטער, זעלנער אויף דער וואך,
אויף דיין קאָפּ א בלעטער-קרוין,
און שטערן-פינקל אויף דיין דאך,
און וואקסט און שטייגסט אלץ העכער, העכער,
יעדער צווייג זיך רייסט אין הויכן,
מיט דיין גאוה ועסט אמאל צום הויכן הימל גרייכן...
בוים! דיר איז גוט! בוים! דיר איז גוט! — — —
האָט א פויגל דורכגעפלויגן, אין א קרייז ארומגעדרייט
און דערזען: פונוייטנס שטייט
א מענטש פארזונקען אין מחשבות.
וואָס טוט ער דא, דער מענטש אליין
און זינקט אין טרויער און געוויין,
ווי ס׳זינקען פיס אין טיפן ליים, —
און טענה׳ט מיט א שטומען בוים?...
האָט דער פויגל אראָפּגעלאָזט זיך פון דער הויך,
אויסגעשפרייט די פליגלען,
(צווי שווארצע פליגלען — ווי צווי שפיגלען)
אויסגעשטרעקט תחנוניםדיק די הענט,
מיטן פנים צו ישראליקלען געווענדט:
גליקלעך ביזטו, מענטש, אין דיין שיינעם טרוים:

פליהען ווילסטו אין די הויכן, נאָך פליגלען בענקט דיין גוף,
דיין נשמה רייסט זיך אין פוסטן חלל, רוים,
דיין גייסט נאָר שרייט: אַרוף, אַרוף, אַרוף...
און גוט איז דיר אין טרוים, כל זמן ס׳איז אַ טרוים...
אַט בין איך אַ פויגל און פליגלען איך פאַרמאָג,
כ׳וויים ניט פון קיין גרעניצן, ס׳צוימט מיר ניט קיין צוים,
כ׳פלי אַרום ביינאַכט, כ׳פלי אַרום בייטאָג,
כ׳פלי אַריבער לענדער, כ׳פלי דורך אָקעאַנען,
ווו איך וויל נאָר טו איך זיך פאַרזאַמען....
און דאָך — — — הערסטו ניט אין מיין געזאַנג
דעם צער פון פלי, דעם ווײ פון דראַנג?...
אין מיינע פליגלען ליגט דער אומרו און ער טרייבט מיר,
טרייבט און טרייבט
און קיינמאָל כ׳וועל געפינען דעם צודעק צו מיין לייב...
און דיר, גוט איז דיר אין טרוים, כל זמן ס׳איז אַ טרוים...
דער פויגל האָט געענדיקט אויף דעם בוים זיך אָפּגערוט,
פון צווייג צו צווייג געשפּרונגען, זיך דאָ און דאָרט געשטעלט,
צוריק צעשפּרייט די פליגלען, מיט אויפגעשטורעמט בלוט
אַוועק... אַוועק... אין ווייטער-ווייטער וועלט... — — —
און דאָך... און דאָך... ישראליקל ביי דעם בוים האָט זיך
פאַרזאַמט,
דער פויגל און דער בוים האָבן זיין טרויער ניט געשטילט,
די אויגן טיף צעפלאַמט,
די בלוט אין אים צעשפּילט — — —
אַ נאַכט פאַלט צו — — קומט אָן — —
צינדט באַגערן אָן — — —
דער ספק אין זיין לייב, ווי אַ בייזע שפּין
זויגט און זויגט און זויגט:
ישראליקל, וווהין?...

* * *

א.

נאַקעט גייט אַרום דאָ יעדער איינער מיט זיין צער,
יעדער טראַט קלינגט אָפּ מיט דראַונג אויפן שטיין,
אַלע גייען דאָ צוזאַמען און דאָך איז יעדער דאָ מיט זיך אַליין,
פון אַלע גופים שרייט אַראָפּ געפּאַר.

יעדער וואַרפט זיין חבר אין געזיכט אַ שפּיי,
מ'מוז דאָך שפּייען. (איז דאָ אַ בעסער אָרט, ווי אין געזיכט?)
אַלע וואַרטן אויפן פּסק־דין פון דעם געריכט:
קיינער וועט ניט לאָזן קיינעם דאָ אַרויסגיין פריי....

ווייל יעדער לאַכט אין אַנבליק פון אַ צווייטנס אומגליק,
ווייל יעדער ליבט צו לעקן בלוט פון צווייטנס ווונדן — — —
און קיינער זעט ניט: איין טרויער האָט אונדז אַלעמען פאַרבונדן,
איבער אַלע העלדזער אונדזערע פאַרוואָרפן ליגט אַ שטריק...

אַ שטריק האָט אַלעמען פאַרפלאָנטערט אין איין פּלאָנטער,
איין גרויסער סוד פאַר אַלעמען פון אונדז פאַרבאָרגן,
פאַרפוילטע ציין אין מויל פון בלאָטעדיקן מאָרגן,
גיפט און גאַל, ווו דו גיסט זיך נאָר אַ קער...

ב.

גיפט און גאַל, ווו דו גיסט זיך נאָר אַ קער,
אויף אַלע טראָטואַרן וויינען קליינע קינדער:
דאָס לעצטע שטיקל ברויט... און וואָס וועט זיין אַצינדער?
אויף האַרטן ברוק פון שטיין פאַרזייט האָט זיך אַ טרער.

וויפל מאַנענדיקע אויגן שטעכן דיר אַדורך,
פאַרפלייצטע גאַסן מיט געשריי, ווי אַ הינטיש וואָיען,
ס'צינדן, לעשן זיך, ווי לעבנס, גרויע שעה'ן,
כ'גיי אַהיים און פאַרשרייב עס אין מיין בוך...

און דערנאָך ווי אַ אויפגעוויקלטע מגילה מיין בוך ליגט פאַר מיר אָפן,
כ'לייען און לייען... ווער האָט אַזוינס געשריבן?
ווער האָט טויטע גלידער אין איין קופּע אויפגעקליבן,
ווער רויבט די רו און לאָזט קיין זאַטע שלאָפן...

כ'פאַרמאַך מיין בוך, ווייל איך אַליין האָב די אותיות דאָ פאַרזויט,
ווייל איך אַליין האָב דאָ לונגען מיינע אויסגעשפּיגן,
כ'האָב אין די אותיות דאָ פאַרוועבט מיין נאַכט, מיין בלוט,
מיין ניגון,

מיינע הענט האָבן אויפגעשריבן: טויט!

ג.

מיינע הענט האָבן אויפגעשריבן: טויט!
און ווילן ווילט זיך ניט אין אייביקייט פאַרגיין,
ס'איז ניט קיין אונטערשיד: מיט אַלע צו אַליין,
ווילן ווילט זיך אויסטאַנצן מיין פרייד,

מיין פרייד, וואָס ליגט אין מיר פאַרבאָרגן טיף,
מיין פרייד פון זיין, פון זון און ווייסן שניי,
מיין פרייד פון גלויבן אין ווירבל, אין געדריי,
בטחונדיק צעזינגט זיך דאָך מיין בלוטעדיקער טריף....

כ'האָב דער לעצטער שורה ניט פאַרשריבן, ווייס געלאָזן,
ניט געמאַכט נאָך היינט מיין שטענדיקן סך-הכל,
ס'האָט מיר לעבן אין מיין האַנט דערלאַנגט אַ פאַקל,
אין טיפן שטורעם, ווען אַ ווינט האָט ווילד געבלאָזן.

פון סך-הכל כ'בין נאָך וווייט — סך-הכל'ען איז קיין מאָל
ניט שפּעט,

כ'הויב ערשט אָן צו זינגען, כ'הויב ערשט אָן צו זען,
ס'האָט ליד מיר אָנגעצונדן, כ'פלאַקער אין מיין ברען,
כ'וועל זינגען אייביק, אייביק — ס'שטאַרבט קיינמאָל קיין פּאָעט.

ניט דערגאַנגען

א.

כ׳בין געגאַנגען און געלאָפֿן,
נאָר צום ברעג כ׳בין ניט דערלאָפֿן,
אויסגעשפּונען נאָר אַ חלום,
אויסגעוועבט פֿאַר מיר מיין האָפֿן,
אויסגעוואַרעמט נאָר אַ גלויבן,
אויף די וועגן אים פֿאַרלאָרן,
כ׳האָב פֿאַרדרייט זיך אין מיין טאַנצן,
אין גאַלאָפּ פֿון מיינע יאָרן...
פֿאַר זיך אַ ליד נאָר אויסגעזונגען,
פֿאַר זיך אַליין — ווייל קיינער הערט,
געוואָלט, אַז ד ו זאָלסט איר דערהערן,
נאָר עס איז מיר ניט באַשערט...

ב.

נאָר עס איז מיר ניט באַשערט,
דורשטיק ווייטער כ׳טראָג מיין טרוים,
און איך בענק נאָך זון און ליכט,
אַ שיין ביינאַכט — מ׳זעט עס קוים...
שפּילט זיך שקיעה אויף מיין פֿענצטער,
שאָטנס יאָגן זיך אַריבער,
ס׳צאַפּלט זיך מיין גלויבן, בענקען,
אין אַ שטאַרק צעהיצטן פֿיבער...
און פֿון שקיעה ווערט געבאָרן
מיינס אַ ליד — שוואַרץ ווי די נאַכט
און דורך איר איך וועל באַשפּיגן,
אויסגעשפּאָסט און אויסגעלאַכט,...

ג.

אויסגעשפּאָסט און אויסגעלאַכט,...
יעדער שפּיי איז זודיק בליי,
כ׳פֿאַרקריץ די ציין אין טיפֿן ווייטאָק

און פון ווייטאַק הויך איך שריי...
ענטפערט מיר נאָר אָפּ אַן עכאָ
פון מיין אייגענעם געשריי,
זינק איך ווי אַ שטיין אין וואַסער,
אין מיין טיפן, שווערן וויי...
און כ׳דערזע, אַז שוין פאַרגאַנגען
נאָך אַ טאָג צו נעכטנס טויטע,
און פעלדער ליגן אויסגעצויגן,
שטומע לייבער, ניט פאַרזייטע,...

ד.

שטומע לייבער, ניט פאַרזייטע,...
וואַרטן, ציטערן און האָפן,
צו איז באַשערט אַזוי צו לעבן,
טראָגן אומגליק פון גאָטס שטראָפן?
צו איז באַשערט אַזוי צו וואַרטן,
ווי אַ גוסס אויפן טויט...
קיינער וועט ניט קומען זייען
עקרות-לייבער אויסגעשפּרייט...
זינגט מיין הארץ, ווי פּוסטע פעלדער
אַ ליד פון בענקען נאָך פאַרזיי,
פאַלט אין טיפקייטן אַראָפּ
אַ וואָרט פאַרזייט מיט טיפן וויי,...

ה.

אַ וואָרט פאַרזייט מיט טיפן וויי,...
באַשפּריצט מיט גאַל, פאַרפלעקט מיט בלוט,
אַ וואָרט ווי נעכט, ווי שלאַנגען-כמאַרעס,
אַ וואָרט, געשמידן מיט אַ קנוט...
און אַ חלף אויף דעם האַלדז ליגט
מאַכט אַ ברכה שטומערהייט,
בויגן זיך די קני צו ערד,
ווי ס׳בויגט זיך מענטש צום רוף פון טויט...
און אַ האַק געהויבן הויך

ווייל צעפלייַשן דיר דיין לייב,
בויג זיך, גרויער מענטש, צו ערד,
דיינע גלידער קלייב און קלייב,...

ו.

דיינע גלידער קלייב און קלייב,...
דאָס ביזטו — נאָר דו אַליין,
נישט דער ווינט זינגט דאָ אַרום
זינגען זינגט נאָר דיין געוויין...
און ער בעט ביים לעבן רחמים,
עמיץ ווער זאָל אים דערמאָנען,
אים אַ שטויב צווישן שטויבן,
אים אַ מענטש פון פיל מיליאָנען...
עמיץ ווער זאָל זאָגן קדיש,
עמיץ ווער זאָל אים געדענקען,
עמיץ ווער זאָל דאָרט פאַרשרייבן:
ער איז געשטאָרבן אין זיין בענקען,...

ז.

ער איז געשטאָרבן אין זיין בענקען,...
נים דערטרוימט זיין לעצטן טרוים,
שטענדיק נאָר ער האָט געטרונקען
פון דעם לעבן גאַליק שוים...
שטענדיק נאָר געקוקט אין אָפּגרונט
און געזוכט אין זיך דער וועלט,
און נים געוווּסט, אַז דאָ נים ווייט
אַ שטילער טייכל פליסט און קוועלט...
אויף זיין מצבה אויפגעשריבן:
אַ הונט פון פיל מיליאָנען הינט
און ביינאַכט צעשטערט זיין רו
אַ פייפעריי פון שטורעם-ווינט...

ביינאכט ביים ים

א שטערן טרינקט זיך אָן מיט כוואַליעדיקן שוים,
די לבנה פיבערדיק שרייבט אויף אין הויכן ס. אָ. ס.
און אַ מענטש אין מיטן שטייט און וועבט זיין טרוים,
אַ חלום פון אַן איינזאַמען פאַרשמידט אונטער אַ שלאָס...

ראַנגלט טראָפּן זיך מיט טראָפּן צאָרנדיק, פאַרביסן,
רייסט זיך ים מיט אימפּעט צום יבשה׳דיקן ברעג,
שטייט אַ מענטש און גאַפט: צווישן כוואַליעס ריסן,
(ריסן פון זיין לעבן, שגעון פון די טעג)...

וויינט דער ים און שרייט, פון אָפּגרונט יאָמערט ווי,
ס׳דוכט זיך אויף די כוואַליעס שווימען טויטע קעפּ
פון ווייטן הויכט אַ קול, פון טיפן שלוכצט געוויין,
אַ וועלט געהילט אין אימה, אַ וועלט געהילט אין קרעפּ...

ליגט אַ הימל אויסגעשפּרייט, דעם גרויסן ים פאַרדעקט,
שטערן-פּליסטער, ים-געמורמל מישן זיך צוזאַמען,
פאַלט אַ שטערן פון די הויכן, אַ לעבן זיך געעקט
און פאַרזייט זיין גסיסה-קרעכץ — זילבערדיקע פלאַמען...

רייצט די ווייטקייט, רופט דער חושך גלאָקן זיך צעקלונגענע,
אַ טריט פאַראויס אין ים אריין, אַ ה י ן איך וויל דערגיין,
ס׳האָבן כוואַליעס מיינע ווערטער שוין פאַרכאַפּט, פאַרשלונגענע,
הויל און נאַקעט כ׳בין געבליבן, אַ מלך אָן אַ קרוין...

און אָט זע איך איר, מיין ליד, פאַרשווומען אין דער ווייט,
געטריבן פון אַ שטורעם באַגלייט פון מידע שטערן,
כ׳שטיי ביינאַכט ביים ים, כ׳וויל וויסן דעם באַדייט
פון אונטערגאַנג און אויפשטייג, פון ווייאיקן זיין און ווערן

נאָר נאַכט און ים און רוגזה׳דיקע וועלן,
שווייגן שטום, קריצן מיט די ציין,
הענט און פּיס פאַרשמידטע אין פאַרקראַטעוועטע צעלן
און אַ הונגעריקער הונט יאָגט נאָך אַ דאַרן ביין...

און דאָך....

עס טרעפט: ס'ציהען זיך טעג, ווי גיפטיקע שלאַנגען, ווי כמאַרעס,
און דאָך הערסטו אין זיי אַ צויבערדיק טאָן פון גיטאַרעס,
און וועקן אויף אין דיר דיין פאַרשלאָפענעם גלויבן —
פילסט זיך, ווי אַ שטויב פון אַ שטורעם דערהויבן...
טעג — איינגעדאַרטע, ווי ביינער, ווי סקעלעטן, —
קעפ געבויגענע, געהילט אין תפילות, אין געבעטן,
הענט בלייכע אויסגעשטרעקטע צו זוניקע מעת-לעתן — —
ליגט זיך וואָלקן אויף אַ וואָלקן, פון זשאַווער ווערסט צעפרעסן — — —
און דאָך: אין דעם פאַרגאָלטן, און פאַרסמטן שוים
ליגט אַ קערנדל פאַרבאָרגן, ס'פלאַקערט אויף אַ טרוים...
אַ טרוים, וואָס שרייט מיט טויזנט קולות: זיי ניט, מענטש, געבראָכן,
היינט צו מאָרגן — — קומען וועט נצחון...
ס'טרעפט: ס'לייגט זיך וואָך אויף וואָך, ווי שטיקער הייסער בליי,
פאַרגראַטעוועטע פענצטער רוימען סודות ווילד: מענטש, דו ביזט ניט פריי,
קריכן ווייזערס אויף דעם זייגער, ווי גיפטיק-רויטע שלאַנגען
און שאָטנס מאָלן אויס אויף ווענט: אַ מענטש איז אויפגעהאַנגען...
און דאָך: אין סכנותדיקן וואָיען פון געוויטער
צאַפּלט אויף אין דיר אַן אומרויקער ציטער — — —
און דיין קול צעזינגט זיך אין דעם שטורעם,
ווי ס'הילכן גלאָקן פון אַ הויכן טורעם...
און דיין וואָרט ברענט אויף אין רויטן גלי,
און הענט זיך שטרעקן צו דעם מאָרגנפרי...

דאַך און ברויט....

ווייט, ווייט ציט זיך דאָרט אַ שליאַך
און ווינקט מיט ברויט און לאַכט מיט דאַך
און רופט מיר, רופט מיר, ציט מיר, ציט,
צו דאַך און ברויט כ'שטעל מיינע טריט...

ווייל הונגעריק כ'בין,
ציט מיר דאָרט אַהין...

און דאָרט ווו ברויט, און דאָרט ווו דאַך,
איז ליכטיק אויך אַ פינסטערע נאַכט,
איז מענטש צו מענטש שטרעקט אויס אַ האַנט,
איז איינער היילט דעם צווייטנס בראַנד,

ברויט און דאַך —
און מענטש מיט מענטש געפינט אַ שפּראַך...

וואס איז גורל

וואָס איז גורל, וואָס איז צאַם,
ווען ס'צעברויזט זיך מענטשן־פלאַם,
ווען עקשנות פון דער מאַסע
רייסט אויף שטיקער שווערע משא
און רייסט אויף די טיפע ברעגן,
ניט גע'ספק'ט, קיינעם פרעגן,
און אַ וועג פאַר זיך געפינט,
ווי אַ ין סטעפּ אַ פייף פון ווינט.

וואָס איז גורל, וואָס איז צאַם,
ווען ס'צעשטורעמט זיך דער ים
און רייסט אויף זיין גרעניץ, תחום
מיט אַ ווילדן לייב־געברום,
מיט אַ האַק און שווערד אין האַנט,
שפּאַנט דער חורבן, שפּאַנט און שפּאַנט.
וואָס איז גורל, וואָס איז צאַם,
ווען ס'צעברויזט זיך מענטשן־פלאַם?

טרעטן, גייען יונגע מחנות

דער פּחד אויף די וועגן, אַ נאַקעטער און הוילער,
טרעפט מיר און דיר אויף בלוט פאַרפלעקטע גאַסן,
כ׳שוידער אויף פון וויטיק און פון גרוילן,
אייַן אויף קאָוואַדלע שרייט: פּיינט האָבן און האַסן...

געשפּענסטער אויף די וועגן גייען, טרעטן, שפּאַנען
פון אָפּגעהאַקטע פיס און הענט געפלאָכטן אַ געפלעכט,
שלייכן טעג זיך דורך ווי קעמלען קאַראַוואַנען
אַנגעלאָדענע אויף האַרבן פּעכיק־שוואַרצע נעכט...

אין גרויקייט איינגעהילט שטאַרבן אַפּ די לעצטע פּאַרנאַכטן:
אַהער, אַהין — טאָג צו נאַכט — וויל יעדער איינער וויסן,
צו הויך געהויבן פאָנען, צו פאַרשפּילטע שלאַכטן,
צו אויפגעגנייט צוריק דאָס העמד, צו אויף שטיקער איר צעריסן...

קלינגען גלאָקן, דראָען גלאָקן, ציען טעג זיך, קלאַפּט דער זייגער,
כ׳צייל די שעה׳ן... כ׳וואַרט אין אימה... שטורעם קלאַפּט אין לאָדן, טיר...
טאָג נאָך טאָג לייגט זיך אוים ווי אַ פּגר אויף אַ פּגר,
שטורעם רופט מיט האַק און לאָמעס אויפהאַקן דעם אייז־געפריר...

גייען, טרעטן יונגע מחנות, שטורעם וועקט און שטורעם מונטערט,
פּחד, חורבן אויף די וועגן, חושך־נעכט מיט זון זיך בייט,
גייען, טרעטן יונגע מחנות, פּוילע בוימער זעגן אונטער,
האַקן אוים מיט גרוים עקשנות ווילדע וואָרצלען פון דער צייט...

שטורעם וועקט און שטורעם מונטערט, ווי צעבּרויזטע אָקעאַנען,
צאַפּלען הערצער אין דערוואַרטונג, צאַפּלען, וואַרטן פיל מיליאַנען,
גייען, טרעטן יונגע מחנות, מיט האַק און אייזן שפּרייזן, שפּאַנען,
רויט דער הימל פון דעם פלאַטער פון די צונטער רויטע פאָנען...

דער פּחד אויף די וועגן אַ נאַקעטער און הוילער,
טרעפט מיר און דיר אויף בלוט פאַרפלעקטע גאַסן,
כ׳שוידער אויף פון וויטיק און פון גרוילן,
נאָר כ׳זע: שטורעם וועקט און שטורעם מונטערט אויפגעוואַכטע מאַסן...

גלויבן

אזוי פיבערדיק האָט זיך צעשריגן היינט דער טאָג,
ביינערדיקע פינגער האָבן אויסגעפויקט פאַרשטיקטן צאָרן;
אויף אויסגעדאַרטע פלייצעס אַ מענטש געטראָגן האָט אַ היילִיק גאָב:
אויכדויער און גלויבן אין שטורעם פון די יאָרן...

אזוי פיבערדיק האָט זיך צערעוועט אַן אומרויקע נאַכט,
אַ פראַגע-צייכן, ווי אַ תליה, אויף שטערן אויפגעהאָנגען — — —
אַ מענטש אין גרויקייט איינגעהילט האָט צו זיך אליין געטראַכט:
ס'וועט די זריעה פון מיין גלויבן אויפגיין, ווי גאָלדענע זאַנגען...

אין צאַפּל, ווי איז אויפגעשוואומען מאָרגנשטערן אויפן הימל-ראַנד,
אַ בלאַסע ליכט האָט אויפגעשיינט גאָר העל —
מיליאָנען אַרומגעאָרעמטע פון אַ ליבער מאַמעס האַנט,
הערצער אַלע גרייט צום רוף, צום זוניקן באַפעל...

און ד י ר אַ צעשטראַלטן כ'האָב געזען, ווי קיינמאָל נאָך,
אין אויגן טיף פאַרבאָרגן אַ געטלעך ליכט —
פון פלייצעס פאַרשעמט האָט זיך געגליטשט אַ שווערער יאָך,
האָסט אַלעמען דערבליקט א י ן ז י ך...

דערבליקט — און זיך אַליין און אַלעמען דערזען,
אין האַרץ און אין אויפגעברויזטער בלוט-שלאָג,
דאָס וואָס לאַנג ט'געדאַרפט זיין איז געשען:
געאייניקטע אין גאַנג צום רויטן טאָג...

חלפים־בלאנק אויף וועגן

קיינער וועט ניט קומען מיר אנטקעגן,
נאָר חלפים־בלאנק
אויף וועגן,
נאָר אַ דונערדיק געזאַנג
אויף וויסטע בייטן
וועט מיין איינזאַם טראָט באַגלייטן...

און חלפים־בלאנק וועט זייען
משוגעת
פון אויפגעשטורעמטע געדרייען
פון דער גאַס
אין מיינע ווילדע, פייערדיקע אויגן...

וואָס פאַרלאַנגסטו פון מיר, טאָג,
כ׳זאָל דיר געבן?
מיט ווײ איך טראָג
מיין איינזאַם לעבן
דיר אַנטקעגן
און מיין שפּײ דערטרונקען ווערט אין טיפע תהומען,
און מיין דאַך איז קליין און נידעריק צווישן אַלע היימען,
און דאַך
איך טראָג דיין שווערן יאָך...
מיין טאָג,
פאַרברענטע שעהן פון מיין זיין
אויף דיינע וועגן...

ווי אַן אָנגעצונדענע לאַמטערן
לעשט זיך פון דעם ווינט,
צאַפּלט זיך מיין שטערן
אין דעם שטורעם
און שרייט — — און שרייט — —
ווי ס׳זאָלן טויזנט גלאָקן קלינגען פון אַ טורעם...

פיידע —
איך און וועלט אויף דער עקדה — —
קראַנק — — —
ווער גייט עם מיר אַנטקעגן?
— אך, חלפים־בלאַנק
אויף וועגן...

ס׳שרייט ארויס דער עלנט

ס׳שרייט אַרויס דער עלנט פון מיינע אויגן־רונדן,
אַ שטומע ליד, אָן ווערטער, אין זיי ליגט טיף פאַרשטיקט,
איך וויים ניט ווער דעם פייער האָט אין זיי געצונדן,
איך וויים נאָר איינס: אַ ס.אָ.ס.־רוף האָט מיין הארץ צעשיקט...

איך האָב די חענט צונויפגעדריקט צו אַ שחריתדיק געבעט,
אַ תפילה האָט געָרוט דאָרט טיף אויף מיין תהום,
ס׳האָבן קלאַנגען אין אַ וויסטן חלל סתם אַזוי אַריינגערעדט,
(נאָר כ׳וויים: ס׳האָט די תפילה אין דער שטיל געזוכט פאַר מיר אַ היים...)

די נאַכט לצנותדיק האָט שוואַרצע צינגער אויסגעשטרעקט,
פאַרשטיקט געוואָרן איז מיין תפילה, געבליבן שטיין אין וועג,
אַ געדיכטע לאַווע צאָרן האָט אין מיר זיך אויפגעוועקט,
ס׳האָט מיין הארץ, ווי אַ פאַרבלאָנדזשעט שיף, געזוכט פאַר זיך אַ ברעג...

געזוכט און ניט געפונען... אין דער מיט געבליבן שטיין,
ניט דערגאַנגען צו דעם אָרט, וווהין ס׳האָט געגאַרט,
אַרומגערינגלט מיט דער נאַכט, איינזאַם און אַליין
אויף די חורבות פון דעם לעבן מיד זיך אָנגעשפאַרט...

ס׳האָט דער ווינט זיך ווילד צעהוזשעט, ס׳האָט דער שטורעם זיך צעברומט,
און שטיקער הארץ, ווי נישטיק שטויב, מיט אימפעט אויפגעהויבן,
כ׳האָב אַ ליד פאַרמאָגט אין טיפקייטן, האָט זי אויך פאַרשטומט,
געשטורעמט האָבן כוואַליעס מיין שטאַרקע פעסטונג: גלויבן...

היינט שרייט פון מיינע אויגן גליווערדיקער צאָרן,
היינט שווייגן מיינע תפילות, נאָר וויינען אין מיר שטיל,
אַ פּיראַמידע כ׳בוי אויף מיינע יונגע יאָרן
און יעדער ציגל איז געקנאַטן פון געפיל...

און יעדער שטיין דערציילט פון אַזויפיל ניט דערזאָגטע
דראַנגען און באַגערן פאַרלוירענע אין רוים,
פון געדאַנקען ווייט אַנטלאָפענע, פון צילן ניט דעריאָגטע,
פון אַ שוואַרצער קראָ און אַ געקוילעט טרוים...

און לאַכט, לאַכט פּאַיאַצן פון אַ דיכטער, וואָס איז שכור
פון זיין אייגן צער און פון זיין אייגן וויי,
ווען זיינע גלידער צעטרענצלטע אויף שטיקער
ליגן אויסגעלייגט אויף וועגן פון צעשטורעמטן געדריי...

לאַכט און שפּאַסט ווי שכורע אויף אַ פריילעכן יאַריד,
כ'טאַנץ פאַר אייך אַ טאַנץ, דאָס איז מיין באַרוף,
און עפן אויף מיין האַרץ און זינג אייך אויס מיין ליד,
און זעט: וויפל לאַטעס דעקן צו איר ווונדיק־נאַקעט גוף...

ס'שרייט אַרויס דער עלנט פון מיינע אויגן־רונדן,
אַ שטומע ליד, אָן ווערטער, אין זיי ליגט טיף פאַרשטיקט,
איך ווייס ניט ווער דעם פייער האָט אין זיי געצונדן,
איך ווייס נאָר איינס: אַ ס.אָ.ס.־רוף האָט מיין האַרץ צעשיקט...

א נאכט אזא

א נאכט אזא — א כמאַרע אין א כמאַרע אויפגעקנייטשט אין פאַלדן,
גרייקייט אויסגעשפרייט און דראַט.
אין מיינע אויגן כ׳האָב דיר, נאכט, היינט אויסבאהאלטן,
הענט בלייכע אויסגעשטרעקט,
ווי בעטנדיק צו גאָט...

א נאכט אזא — א חלף-גלאַנץ
זיך גליטשט איבער אויסגעדאַרטער האלדז,
געשפּענסטער אין א טאַנץ
פייפן הפקרדיק
אויף אַלץ...

א נאכט אזא — גיפטיקע שלאַנגען לויפן, יאָגן,
אומרויקע טריט,
אַנטלויף איך אין די ווייטן,
אַהין איך וועל דערטראָגן
מיין וואָרט, מיין איינזאַם ליד...

שווארצע פויגלען קרייזן אום אין הויכן.
נאכט,
אַהין, אַהין איך וויל דערגרייכן...

א נאכט אזא — איך דריי זיך אום אַליין און זוך א שוועל,
א טיר, אַריינגיין כ׳וויל.
נאַר שטיל.
א הימל אין א שווארצער פעל
טרייבט מיין טראַט אויף אומבאַקאַנטע וועגן....

לאַכט די שטאָט מיט איר שדים לאַנגן צונג
און פרעגט: ווּהין?
כאַ—כאַ — קלינגט מיין קול, ווי א גלאָקן-קלונג
אין שרפות:
אַהין, אַהין...

און איך לאַך, (ווי כ׳זאָל זיין דער הערשער פֿון דער וועלט)
לויפֿט אַ וואָלקן דורך פֿאַרביי,
אין פּרצוף גיט אַ שפּיי
און באַפֿעלט:
שווייג, דו אויפֿגעדרייטער וואָרים...

אַ נאַכט אַזאַ — כ׳גיי אויף אַ צעוואָרפֿן בריק,
שקיעה-פֿעדים אין געפֿלעכט,
אַרום העלדזער וויקלען זיך די שטריק
און רייסן ווונדן אויף —
ווונדן פֿון געשמידטע קנעכט...
אַ נאַכט אַזאַ — — — —

איז א וועג פאראן א שווערער

א.

איז אַ וועג פאַראַן אַ שווערער, אַ דערנערדיק, פאַרצאַמט,
גיי איך באַרוועס אויף די דערנער און פאַרקריץ די ציין,
נערוון אָנגעצויגן, די אויגן טיף צעפלאַמט,
איז אַ וועג פאַראַן אַ שווערער — גיי איך מיר אַליין....
ס׳גייט מיר נאָך מיין שאָטן און צעקריגט מיר מיט דער וועלט,
רייצט אויף מיר דעם הימל אַן — ווערט ער שוואַרץ ווי קויל,
אין יעדן שטילן טייכל, מיט פרייד, וואָס פליסט און קוועלט,
זע איך אַ פּאָר אויגן פאַרוואַקסענע מיט גרויל...
כ׳טראָג אין הארצן אויסגעוואָרעמט אַ זוניק-מענטשלעך וואָרט,
און וויל זיך טיילן מיט די וואַנדערער, וואָס כ׳טרעף אויף אַלע וועגן,
נאָר יעדער איינער מיט עקשנות אַ שמייכל קאַרגט און שפּאָרט, —
פאַרשוויג איך שטיל... אַ שוואַרץ געזיכט נאָר לאַכט דיר פויל אַנטקעגן,...

ב.

פאַרשוויג איך שטיל... אַ שוואַרץ געזיכט נאָר לאַכט דיר פויל אַנטקעגן,...
פאַרגליווערט ווערט מיין בלוט, דער טאָג פאַר מיר שטאַרבט אָפּ,
עס זעגט די נאַכט מיין לעבן מיט טויזנט טעמפּע זעגן
און צו גרויער ערד געבויגן איז מיין קאָפּ...
אַ פויגל אויף דעם בוים צעפלאַטערט זיינע פליגלען,
רייסט זיך אין מרחקים און אַנטלויפט אויף גיך,
פאַרטראָגט מיט זיך אַ סוד פאַרמאַכט אויף זיבן ריגלען,
דער פויגל ווייס דעם סוד פון מיין נאַקעט-ווונדיק איך,
דער בוים בלייבט שטיין אַליין יתומדיק, פאַרשוויגן,
די צווייגן חלומען אַ טרוים פון וואַקסן און פון שטייגן,
אַ ווינטל לויפט פאַרביי און רוימט אַריין אַ נגון
און איך שטיי פאַרגליווערט אין אומעטיקן שווייגן,...

ג.

און איך שטיי פאַרגליווערט אין אומעטיקן שווייגן,...
ס׳איז מיין גאַנץ פאַרלאָרן, הימל-בלויקייט — שוואַרץ,
ווי אַ שטורעם טרייסלט אויף אויף בוימער דאַרע צווייגן,
קאַרטשעט זיך אין ווייטאָק אַן אויפגעצאַפּלט האַרץ...

כ׳שטעל פאַרזיס אַ טראָט, דער מרחק שלינגט מיר איין,
כ׳שפּרייז און גיי, ס׳איז קיין סוף צום גאַנג ניטאָ,
ס׳צאַפּלט זיך מיין לעבן אין אומרויקן זיין,
ווי דער אָוונט ראַנגלט זיך מיט אַ בין־השמשות שעה...
איז אַ וועג פאַראַן אַ שווערער, אַ דערנערדיק, פאַרצאַמט,
גיי איך באָרוועס אויף די דערנער און פאַרקריץ די ציין,
נערוון אָנגעצויגן, די אויגן טיף צעפלאַמט,
איז אַ וועג פאַראַן אַ שווערער, — גיי איך מיר אַליין...

געדענק....

אַטוואַצקער טעג געהייליקט

יר יאָר פון אַטוואַצק — ווי כ׳געדענק איר נאָך גוט:
עם הימל, די ערד און די בוימער,
זויף שנייאיקע סטעזשקעס די שנירעלעך בלוט,
זין אויגן — די בליקן פול אימה...

זלע אויגן אין טרויער, זיי בעטלען און בעטן:
ועבן... שפינען.... דאָרט ווייטער....
זויגן מיט שטומקייט פאַרפּלייצט מיט געבעטן,
׳ורכזיכטיק, העל און געלייטערט...

און בוימער בויגן די קעפּ צו דעם שטורעם,
און וואַרטן אין צאַפּל, געוויטער:
זיי הערן: אַ מענטש אין געראַנגל, יסורים
פון פיבער און היץ אַ צעגליטער...

דעם וידוי פאַרטראָגט ווייט די ווייסקייט פון שניי,
אַ שטערן זיך לעשט אין די הויכן,
אַמאָל איז געווען — (פאַרשטומט דעם געשריי,
עס וועט סיי ווי אין הימלען ניט גרייכן...)

און ס׳שוויגן די בוימער, ס׳שוויגט אויך די ערד,
נאָר מענטשן פאַרשטייען, פאַרשטייען...
זיי האָבן אין ווייסקייט פון שניי היינט דערהערט
אַן אָפּהילך פון אייגענע געשרייען...

.ב

כ׳געדענק: כ׳האָב אמאָל בײנאַכט אין פרייד זיך צעשריגן,
מיט שטורעם, מיט אימפּעט האָט זיך געריסן אַ ברוסטיקער נגון
און האָט מיר פאַרטראָגן אַריבער די וואָלקנס, די הימלען און שטערן —
געוועז איז דער אָוונט, אַן אָוונט פון טרוימען, פון ליכטיקע מאָרגנס,
באַגערן...
געוועז איז דער אָוונט — — —

איך האָב דאַן געפונען אַ חבר, אַ חבר אַ מידן ווי איך:
הער זיך איין, כ׳האָב געזאָגט צו מיין פריינד, צו דעם קול, וועלכער
רייסט זיך פון זיך
און צינדט אַ פאַרלאָשענעם שטערן און הײלט אַ צעיאָטרעטן טאָג,
און קוק אויף געבויגענע אַקסלען: אַ נייעם פרימאָרגן איך טראָג...
געוועז איז דער אָוונט — — —

און אין אַלעמענס אויגן אַ פייערל בלישטשעט און שטראַלט,
מיט גאוה געהויבענע קעפּ פינקלען די קרוינען פון וואַלד,
און הימלען הויך לאַכן מיט שטורעם און גאָט מיט זיין פרייד אינדערמיט,
אַן אָרעמער דיכטער ביי אָפענע פענצטער זינגט צו דעם לעבן אַ ליד...
געוועז איז דער אָוונט — — —

געזונגען האָט בוים און געזונגען האָט מענטש, אַ קאַפּעליע פון
פריילעכע טעג,
פאַרגעסן, אַז עמיץ-וועט רופט דאָרט און דראָט, אַ האַנט פון יענעם
זייט ברעג,
איעדער מיט אַלע פאַרברידערט, איעדער פאַרשטייט גוט דעם צווייטן,
(ווי זינגט דאָרט מיין ברודער ה. לייוויק: ווי ליכטיקע צדיקים
אין גן-עדן...)

און איך האָב געוווסט, אַז מאָרגן וועט ווידער מיין זון אַ פאַרפלייץ טאָן,
אַז מאָרגן וועט ווידער מיין טאָג מיר אַ רייץ טאָן,
און אָרוים כ׳וועל אין גאַסן צו יעדן כ׳וועל שרייען מיט פרייד:
היינט בין איך מיט אַלע פאַרברידערט, היינט בין איך פון קיינעם
צעשיידט...

ס׳יאָגט נאָך מיין בליק

ס׳יאָגט נאָך מיין בליק מיינע מאָרגענדיקע טעג,
(צו מיין טאָג דעריאָגן איז מיר דען באַשערט?)
האַרץ אין טרויער, אין געווירבל, אין געיעג,
אין גרויסער וועלט מיין אויג באַטרערט...

וווּהין? — אין גאַנג: פון מענטש צו מענטש, פון שוועל צו שוועל,
גורל טרייבט. ווער וואָגט וווּהין צו פרעגן?
קלינגט אין חלל אום אַ גרויזאַמער באַפעל:
וואָגל, קינד, אויף אומרויקע וועגן...

לעשט זיך טאָג, צעשפרייט זיך נאַכט אויף באַרג און טאָל,
חושכן זיך די ווינקלען פון מיין קאַמער,
היינט ווי נעכטן, ווי אַמאָל אַמאָל,
וואַרגט זיך לעבן אין דעם אימה׳דיקן קלאַמער...

נעכט זייען טוים, נעכט שפּרייזן אום און שרעקן.
ווי אַ גיפטיק שלאַנג אַרום דעם האַלדז — די צייט,
נאָר דאָך רייסט זיך טאָג די נאַכט-סודות אַנטפּלעקן
און אויגן אויפגעריסענע שטאַרן אין דער ווייט...

מיין טאג

באַשפּראַצט מיט בלוט מיין טאָג, אַ בר מינן,
צעשרייט זיך הויך אין יאָמער, ווען שקיעה צינדט זיך אָן.
איך וויים: איך בין אַן אָרעמאַן,
אויף וועגן שלייך איך זיך אַרום,
אין האַנט אַ פאַן
און שלעפּ
מיין יאָך, מיין ווי,
ווי אָפּגעהאַקטע קעפּ...

אַ, טיפער אָפּגרונט פון מיין לעבן, פאַרשלים די צאָרנדיקע ציין,
טאָג נאָך טאָג פאַרגייט,
שטאַרבט אָפּ —
און וויל איך ווייטער גיין,
לויפט נאָך דער טויט
און זוכט מיין קאָפּ... —
וואַרט! און הויב ניט, תלין, אויף דיין האַק אויף מיינע שטאַמען.
כ'האָב מיין וואָרט נאָך ניט דערזאָגט,
ניט געצונדן מיינע פלאַמען,
זיך אַליין נאָך ניט דעריאָגט...
וואַרט!
אַן אָפן אויג אין ווייטקייטן נאָך שטאַרט!!!

ביינאַכט, באַגינען,
טיק־טאַק, אייביקייט צעזינגט זיך מאָנאָטאָן,
מינוטן, שעה'ן, ווי שוואַרצע שפּינען
יאָגן איבער
טייכן, גריבער — — —
און פון הויכן פאַלן שטערן אין אַ טיפן טאָל,
ס'יאָגט דיר נאָך אַן אָפּהילך פון אַ קול — — —
דיין לעבן לעשט זיך מיטאַמאָל — — —

מיינע בר־מיננם, די טעג, איך שלעפּ,
ווי אָפּגעהאַקטע קעפּ. — — —

צוויי בלינדע חלומען

(באַלאַדע)

ווי שיין זי איז. אין זונען-שטראַלן איר קערפּער איינגעהילט.
אויגן טיפע, ווי דער אָפּגרונט,
יעדער גליד מעלאָדיעס שפּילט,
און גלעט מיין ווונד,
און היילט מיין קראַנקען גוף.
כ'בין בלינד. נאָר דאָך איך זע אירע אויסגעשטרעקטע הענט
צו מיר.
כ'קום אהיים, דערציילן מיר די ווענט,
דערציילט מיין צוגעמאַכטע טיר
פון מיין בלינדן-זעעוודיקן חלום...
קום אַהער. פאַרוואַרף אויף מיר די הענט און קוש די בלינדע אויגן,
שיינק מיר ליבע, צאַרטקייט פון דיין גוף.
איבער טיפע אָפּגרונטן מיין קאָפּ שטייט איינגעבויגן
און אַ פייער רייסט זיך הויך אַרויף...
כ'זע... דו גייסט, מיט פליגלען קומסט צו פליען,
קלאַפּסט אין טיר, כ'גיי אַרויס,
פונקען-פייער אין דיינע אויגן גליען,
ס'צינדט זיך זון אין מיין פינצטער הויז...
שטיל. איז מיין חלום נאָר פון דמיון אויסגעשפּונען,
קלאַפּט ניט קיינער אין מיין טיר, ס'איז נאָר אַ שטורעם-ווינט?
זענען אויגן אויסגערונען,
צוגעמאַכט און בלינד — — —
און זי — — — זי וועט ניט קומען? — — — —

זינגט אַ צווייטער בלינדער:
„אויך איך, איך זע איר אין איר פּראַכט,
אין איר שיינקייט, אין איר גלאַנץ,
אין מיינע אויגן רוט די נאַכט,
נאָר כ'זע איר אין איר הימליש טאַנץ...
דו ביזט די אויגן פון מיינע בלינדע טעג,
דו ביזט מיין גליק אין מיין גרויסן אומגליק,
גייסט אַנטקעגן מיר, באַלויכטסט מיין וועג,

אין מיין גערטנגל ביזט מיין גרויסער זיג...
אַלץ אַרום פאַרלאַשן, אַלץ אַרום מיר פרעמד,
ס'האָט שווארצע נאַכט אין מיר זיך איינגעזויגן,
נעמט אַלץ פון מיר אַוועק, מיין לעבן נעמט,
נאָר זאָל זי קומען קושן מיינע צוגעמאַכטע אויגן....

צוויי בלינדע חלומען אַ טרוים פון זעז,
צוויי בלינדע שפינען אוים אַ חלום פון אַ שיינער פרוי,
דאָס האַרץ איז שטענדיק אין דעם פלאַקער, ברען,
שטענדיק לעכצט נשמה נאָך פרימאָרגן-טוי.

צוויי מענטשן ביים ים

שטייט אַ פרוי ביים ים און קוקט זיך איין אין וואַסער,
ס'שפּיגלט זיך אין אים אַ שאָטן דאָרט אַ בלאַסער,
איר מאַן האָט ווייט פאַרשוואונדן, פאַרזונקען אין דער טיף,
פאַרזונקען אין דעם אָפּגרונט, דערטרונקען ווי אַ שיף,
שווימט אַרויף אויף וואַסער-שפּיגל זיין געשטאַלט,
אַראָפּ אַרויף און אין טיפקייט ווייטער פאַלט...

אַ שיין געבוייטער מאַן קומט איר אָן אַנטקעגן,
שטעלט זיך אָפּ און הויבט איר אָן צו פרעגן:
פונוואַנעט אַזאַ טרויער אין הערלעכן געזיכט,
ווען אַלץ אַרום שפּיגלט זיך אין ליכט...
און פריילעכקייט אויף אַלץ ליגט אויסגעשפּרייט —
ווי קומט אַ יונגע פרוי צו טראַכטן פון דעם טויט?...

שוואַרצע אויגן אויפגעעפנט האָט די פרוי,
אַ יונג געזיכט און האָר באַזילבערט ווי מיט פרימאָרגן-טוי,
געענטפערט שטיל: קוק, די זון אין ים פאַרגייט,
מיין מאַן — — — ווי די זון — — — — איז טויט — — — —
און מיט אים אָפּגעשטאָרבן איז מיין פרייד,
אַלץ אַרום דערציילט מיר נאָר פון טויט...

האָט דער מאַן אויפגעריסן זיינע שוואַרצע אויגן,
אין איר טרויער, אין איר צער זיך איינגעזויגן,
אָנגענומען איר ביים האַנט, געקושט איר שטיל, באַשיידן,
אָפּגעהאַקטע ווערטער אָנגעהויבן ריידן:
אויך מיין פרוי... אין וואַסער דאָ דערטרונקען...
אויך מיין פרוי... די כוואַליעס האָבן איינגעשלונגען...

נאַכט. צוויי מענטשן שטייען ביי דעם ים אין טרויער איינגעהילט,
דער ים אַ טרויער-מאַרש פאַר ביידן שפּילט,
און אין טיפן שווייגן האָבן טרערן שטיל גערונען,
צו דעם טויטן מאַן און צו דער טויטער פרוי צוויי הערצער צוגעשוואומען,
צוויי הערצער שוין פאַרליבטע, געבונדענע אין טרויער
(טאָג, קום ניט אויף מיט ליכט, — נאַכט, ווייטער דויער!!!...)

איינגעזויגן זיך אין בלוט...

ציגעטוליעט צו מיין לייב האָט זיך נאַכט אין שווערן דרימל,
איינגעזויגן זיך אין בלוט, איינגעביסן זיך אין גלידער.
ס'לאַכט לבנה, שטערן פינקלען, ווי אַ חופה ליגט דער הימל,
און שוואַרצע נאַכט רוימט איין אַ סוד מיר: כ'בין געקומען ווידער...

טוליעט זיך דער חושך שטאַרקער, קריצט זיך איין אין שטיין און ציגל,
און פאַרוואַרפט אַ שוואַרצע פעטלע איבער העלדזער אויסגעדאַרטע.
שטייט אַ מענטש אין ווייס געהילט, גראָבט אַ קבר מיט זיין רידל,
וויינט די בלוט אין מיר באַליידיקט, וויינען מיינע הענט די צאַרטע...

זיי געזונט, איך ווער פאַרשוווּמען, ס'שטאַרבט מיין לעצטע שעה
אין טרויער,
ס'ווערט מיין לעבן אויסגעלאָשן, ס'ווערט דאָס בלוט אין מיר פאַרפראָרן,
חושך קומט, אַנטפּלעקט זיך גיכער, אויף מיין לעבן ציטערט, לויערט,
אין דעם שפּיגל פון דער נאַכט ברוגז שפּיגלען זיך די יאָרן...

שווימען אויף פאַר מיר די טעג (אַזוי אָרעם, אַזוי הויל)
כ'שווידער אויף אין לעצטער שעה און פאַל אַוועק ווי שטומער בוים,
שווימען אויף פאַר מיר די זינד, איינס נאָך איינס איך צייל און צייל,
די גרעסטע זינד בלייבט אָבער די: נע ונד זיין אָן אַ היים...

נע ונד זיין אָן אַ היים, דרייען זיך אַרום,
שטענדיק וואַנדערן און זוכן און קיינמאָל ניט דערגיין,
ניט אַרומצאַמען מיין גאָרטן, ניט באַשטימען מיינס אַ תחום,
שוואַרצע נאַכט פאַרקריצט מיט שנאה צאָרנדיקע ציין...

צוגעטוליעט צו מיין לייב האָט זיך נאַכט אין שווערן דרימל,
איינגעזויגן זיך אין בלוט, איינגעביסן זיך אין גלידער.
ס'לאַכט לבנה, שטערן פינקלען, ווי אַ חופה ליגט דער הימל,
און דער חושך רוימט אַ סוד איין: כ'בין געקומען ווידער!!!...

דער אייביקער בארג־קלעטערער

„אין האַרטקייט נויטיקט זיך יעדער באַרג־קלעטערער".
(ניטשע: זאַראַטוסטראַ)

איבער שטיינער, איבער דערנער, קעגן שטורעמס, קעגן רוחות,
שטייגט אַ מענטש אַלץ העכער, העכער, איבער בערג און איבער טאָלן,
אויגן ווי אַ פייער-פלאַם, אין די הענט די לוחות,
שפרייזט אַ מענטש און טראַכט: דעם באַרג אויף שטויב צעמאָלן...
ווער שטעלט זיך עם אַנטקעגן? ס'שמעלצט זיך זון פון היץ,
און יאַטרעט, ברענט דער לייב און שמייסט מיט טויזנט ריטער,
קלעטערט העכער דאָרט אַ מענטש צום הויכן, הויכן באַרג־שפּיץ,
עקשנות פאַר די לוחות איז אַ טרייער היטער...
ס'וואַקסט דער באַרג. אין הויכע הימלען פאַרשליידערט ער זיין קאָפּ:
קליינער מענטש, וועסט אויף מיין רוקן קיינמאָל קענען רייטן,
מיין שפּיץ אויף דיר מיט רחמנות קוקט אַראָפּ,
דו אומגליקלעכער מענטש, פון אַלע שטורעם-צייטן...
טראַכט דער מענטש: איז מיין גורל אייביק קלענער זיין פון הויכן באַרג,
קיינמאָל אויף זיין הויכקייט אין הימלען ניט פאַרקוקן,
קיינמאָל רייטן אויף זיין גאוה'דיקן קאַרק,
קיינמאָל זיצן אויף זיין טורעמדיקן רוקן?...
ניין!!! איך וועל אַרוף... קאָפּ אויף קאָפּ... טויזנט, טויזנט קעפּ,
מיין עקשנות וועט מיר צום ריז דערטראָגן,
אַ לעבן אויף אַלעבן... גוף אויף גוף ווי טרעפּ...
דורך טויט-סכנות כ'וועל דעם העכסטן שפּיץ דעריאָגן...
שטייט אַ באַרג, אַ הויכער באַרג, אַנגעלייגט ליגט שטיין אויף דאָרן,
שטייט אַ מענטש געהילט אין שווייגן, אין הויכקייטן ער בליקט,
לויפן דורות איבער דורות, לויפן יאָרן איבער יאָרן,
און דער באַרג־שפּיץ לאַכט און לאַכט: מענטש, דו ביזט באַזיגט...
און דאָך: דער באַזיגטער מענטש זינגט אוים זיין ליד:
אייביקע קלעטערער, זייט געבענטשט, זייט געטרייסט,
אין אייער דערנערדיק וועג זייט געהייליקט, געגרויסט...

ווען עס צאַפּלט זיך זון, ווען די שקיעה קומט אָן
און פאַרפלעקט איז מיט בלוט אייער הייליקע פאָן —
זאָלן אויגן אַלץ ברענען אין אייביקן פלאַם
פון גלויבן און שטורעם, ווי כוואַליעס אין ים...
פאַרוועבט האָט די אייביקייט אייער גייסט, אייער וואָרט
אַ דור נאָך אַ דור עקשנות דאָך שפּאָרט....
איר אייביקע קלעטערער אויף פעלזן, אויף שפּיצן,
אין שטורעמס, אין קעלטן, אין צעשמאָלצענע היצן...
זייט געבענטשט, זייט געטרייסט, ס'וועט די זון ניט פאַרגיין,
ביז דער אייביקער קלעטערער צום שפּיץ וועט דערגיין...

דריי ליכט ברענען

דריי ליכט ברענען, ווילן ניט פֿאַרלאָשן ווערן,
ברענען שטיל, ווי אַ תּפֿילה פֿון אַ נזיר,
אויפֿן הימל אויסגעשפּרייט אַ שטערן אויף אַ שטערן,
ווינקען, פֿינקלען צו דער זייט פֿון מיין אויפֿגעפּראַלטער טיר.
דריי ליכט ברענען, וואַרפֿן שאָטנס אויף די ווענט:
ס׳וועט דער ווינט צו אונדז ניט קומען, אייביק גאַנץ וועט זיין דער קנויט,
ס׳וועלן אונדזער פֿלאַם ניט לעשן ווילדע, בייזע מענטשנס הענט,
אייביק לעבן... אייביק לעבן... מיר שרעקן זיך פֿאַר נאַכט און טויט...
פֿאַרקוקט אַ שטערן אין דעם פֿענסטער, ס׳שוועבן סודות אום געהיימע,
צאַפּלען, ציטערן די ליכט, צאַנקען, טוקן זיך און לעשן,
קאַרטשען זיך אין ווייטאָק, פּחד, קנויט צו קנויט דערציילט אין אימה:
דוכט מיר, אַז עס קומט שוין ווער אונדזער לעבן אויסצולעשן...
דריי ליכט חלומען אַ טרוים פֿון שטענדיק ברענען אין דער נאַכט,
שטערן אויפֿן הימל טרוימען אייביק, פֿינקלען פֿון דער הויך,
שמעלצט זיך חלב, גוססט לעבן, עמיץ ווער אַרום נאָר לאַכט,
קומט דער טאָג און שטערן שטאַרבן, ווי אַ גרויער וואָלקן רויך...
דריי ליכט ברענען, ברענען אויסעט, גוססן פּיינאַכט אַליין,
איינע זעט דער צווייטער אויסגיין, צעשרייט זי זיך אין גרויס געוויין...
דריי ליכט ברענען, שטאַרבן אָפּ, צעגייען לעבנס ווי דער שניי — — —
שטייט אַ מענטש און קוקט זיך איין און פֿאַרטראַכט זיך סתּם אַזוי...

צום גרויסן, אייביקן ניין

מיין ברוּיזנדע נשמה האָט מיר גערופן,
בין איך געגאַנגען.
אַ וואָלקן האָט זיך איבער מיין קאָפּ געשפּרייט,
האָב איך געלאַכט;
האָט זון פאַרפּלייצט מיין פּנים,
בין איך טרויעריק געווען...
(ווייל כ'ליב דעם וואָלקן און ניט דער זון).
אַן איינזאַמער אין אימה געהילט, דער קאָפּ צו ערד געבויגן,
איינגעוויקלט אין מיין טראַכטן
בין איך אַוועק זוכן מיין ב ר ע ג.
דונערן און בליצן האָבן באַגלייט מיינע טריט:
טרייע מיטגייער: וואָלקן, ווי שלאַנגען,
שוואַרצע נעכט און אומרויקער וואַיען פון הינט...
און אין הארצן, ווי אַ שפּין, איינגעזויגן זיך דער גרויסער נ יי ן
צו אַלץ...
טובלט זיך מיין לעבן אין פייער־קעסל פון געראַנגל,
געראַנגל מיט זיך און מיט אַלעמען...
(מיט זיך — מערער ווי מיט אַלעמען — — —)
מיין ברוּיזנדע נשמה האָט מיר גערופן,
בין איך געגאַנגען.
ניט פרעגנדיק: וווּהין? מיט וועמען?
כ'האָב איינס נאָר געוווּסט:
אַ דראָט איבער ימען געצויגן און איך אויף דעם דראָט;
כ'האָב איינס נאָר געוווּסט:
טריט אויפן אָפּגרונט...
האָב איך געעפנט ניטשעס זאַראַטוסטראַ און געלייענט:
„די וועלט איז טיף: — און טיפער איידער דער טאָג האָט ווען געדאַכט.
ניט אַלץ דאַרף האָבן ווערטער פאַר דעם טאָג.
דער טאָג קומט: איז לאָמיר זיך צעשיידן...״ — — —

און אַ וואַלקן האָט זיך דורכגעשלענגלט און געדרוימט אַ סוד אין אויער:
ס׳איז ליגן: נאַכט קומט!!!
אמת איז: די וועלט איז טיף!
בין איך אַוועק. מיין ברוייזנדע נשמה האָט מיר געדופן.
אַ שלאַנג האָט מיר באַגעגנט.
אַ וואַיען פון הינט איז מיר אַנטקעגנגעקומען
און אַלץ אַרום האָט מיר געפרעגט:
וואוהין?
האָב איך מיין קאָפּ געהויבן און אין טרויער געענטפערט:
צום אייביקן גרויסן ניין!!!...

אין אימה פאַר דער האַק

א.

ניט איך אַליין, נאָר טויזנטער מיט מיר,
שטייען, ווי פאַר׳משפּט׳ע אויפן טיפן ראַנד,
און צאַפּלען זיך און קאָרטשען זיך פון ווייטאָק
און זוכן אין דעם ווייטאָק אונדזער לאַנד...
צוגעשמידטע צו דעם שטורעם פון דער צייט,
גייען מיר מיט הענט געבונדענע פאָראויס
און זוכן אין דעם צער און פּיין פון וועלט
אונדזער אויסגעבענקטער, אויסגעטרוימטער הויז...
הענט פאַרפּלאָנטערטע מיט שטריק, הענט פאַרשמידטע אין די קייטן,
בלוט פאַרגליווערט אין די לייבער שפּאַרט אַרויס פון גוף,
אונטער שאַרף פון העק ליגט טרויעריק אַ קאָפּ,
נאָר פייער פון די אויגן רייסט זיך הויך אַרויף...

ב.

ניט איך דאָ שטיי אַליין, מיליאָנען זענען מיר,
אין אימה פאַר דעם תּלין, אין ציטער פאַר דער שטריק,
אַ קנופּ וויל שטיקן העלדזער, פליגלען אונטערהאַקן,
אַ תּלין־קנופּ זינגט אויס זיין נגון ביי מיין לעבנס־וויג...
און ווער וועט מיר באַפרייען און טויזנטער מיט מיר,
ווער וועט ווונדער היינט באַווייזן, אומוואַרפן, דער תּליה,
הייליק איז דער מענטש, ווייל פיינפול איז זיין וועג,
יעדער טאָג טראָגט טויט פאַר אים, זיין יעדער טאָג איז שקיעה...
נעכט שוואַרצע אָנגעלאָדן אויף אויסגעדאַרטע אַקסלען,
אימהדיק פאַרוואָרפן נעצן, ווי שאָטנס אין אַ פינסטער קאַמער,
נעכט שוואַרצע שרייבן אויף אַכזריותדיק־תּליניש:
מענטש! דיין לעבן צאַפּלט זיך אין קלאַמער...

ג.

און ווער וועט אונדז באפרייען, ווער וועט היינט ווייזן וווּנדער? —
דאָס איז געשריי פון גרויסער וועלט אין קעלערס טיף פארשפארט,
צעבראָכן שטייט א מענטש און קוקט זיך אום ארום:
גרוי זיין לעבן. גרוי און שווער און הארט...
צו פון מזרח וועט ער קומען, צו פון מערב זיך אנטפלעקן,
צו פון צפון, צו פון דרום, קומען מוז דער רייטער,
אין ז י י ן טיפן וויי געבאָדן, אין דעם אומגליק פון דער ע ר ד ה,
אין דעם שטורעם פון די יאָרן ריין געוואָרן, אויסגעלייטערט...
ער גייט, ער קומט, דאָס איז מיין טיפער גלויבן,
נאָר טונקלקייט ארום... כ'זע נאָך ניט דעם שיין אין אויגן:
צו אין שווארצאפלען רוט שנאה, שארף פון מעסער, העק,
צו גרויסע מענטשן-ליבע האָבן זיי אריינגעזויגן?...

באלאדע פון דער צום טויט פארמשפטער פרוי

ס'איז אַ נאַכט געווען אַ גרויע,
ווי דאָס לעבן גרוי און האַרט ;
ס'האָט אַ שווערער טרויער אויף די בּרעגן פון דעם הימל
זיך אָפּגערוט און אָנגעשפּאַרט.
אַ וואָלקן האָט ווי אַ גיפטיקע שלאַנג זיך געצויגן,
געדרייט זיך אַהין און אַהער :
אַרום האָט דער אומעט אויסגעזונגען,
ווי ס'פאַלט פון אויג אַ טרער...
געטעמט האָט זיך וואָלקנדיק און שווער...
ס'האָט דער ווינט אַריינגעפּייפט אַ נגון,
באַגלייט אין ווייטן אַ שוואַרצע קראָ,
אַ חלום פון אַ מענטש געלעגן איז באַשפּיגן,
ווי געוואַרט אויף לעצטער שעה...
— — — אין אַ נאַכט אַזאַ האָבּן אומרויק די ווייזער זיך גערוקט,
און אונטער גרויע ווענט האָט אַ פרוי געציילט די לעצטע שעה'ן,
ס'האָט פינסטערניש אין פינסטערניש געטובלט זיך, געטוקט,
און געציילט: איינס, צוויי — לעצטע אָטעם-הויכן פון אַ מענטש אַ גרויען...
צום טויט פאַרמשפּט.
שטיל אויסגעהערט דעם אורטייל... נאָר אין אויג אַ טרער האָט
זיך געשטיקט...
טיק-טאַק, קלאַפּט דער זייגער אויף דער וואַנט ווי קלויסטער-גלאָקן,
ס'לויפט אַ שאָטן גיך פאַרביי און דערמאַנט אין טויט,
ס'צאַפּלט זיך אַ האַרץ אימהדיק דערשראָקן,
אַ וועכטער בּיי דער טיר שטייט שוין אָנגעגרייט...
עס זאַפּן איין אין זיך די טורמע-ווענט דעם אומרויקן צאַפּל,
עס זאַפּט זיך אָן די לופט מיט שטיקער טויטן גליווער,
יעדע רגע מיטן גרויל איז זיך דאָ מטפל,
ס'וואַרפן זיך די נערוון אין צעהיצטן פיבער...
און אין דרויסן שלענגלט זיך, ווי אַ הונגעריקער וואָלף די מרה-
שחורהדיקע כמאַרע,

ציט זיך סתם אזוי אין ווייטקייטן געהיימע,
און ווייס ניט גאָר, אַז דאָרטן אויף אַ נאַרע
קאָרטשעט זיך אַ האַרץ אין ווייטאַק און אין אימה.
אויפגעהויבן ביידע הענט, אַ פאַרשטיקטע תפילה לאָזט זיך הערן,
די נאַכט אין שוואַרץ האָט אָנגעטאָן די אַרעסטאַנטן,
ס'פלעקן זיך די באַקן פון בלוטיק הייסע טרערן
און פינקלען אין דער צעלע ווי ליכטיקע בריליאַנטן...
און פלוצלונג... ווער האָט אין טיר אַ שליסל אַריינגעשטעקט?
איז שוין דער זייגער זעקס... די לעצטע שעה... און שוין...
ווער לאָזט עס אויך אין לעצטער שעה ניט זיין מיט זיך אַליין?...
דער וועכטער איז אַריין. די טיר נאָך זיך פאַרמאַכט,
פאַרשלאָסן אויף דער צווייטער זייט, צוויי מאָל געפּרוּווט די טיר,
און אָנגעהויבן שטיל: אין דער לעצטער שעה, אין דיין לעצטער נאַכט,
פרוי, געקומען כ'בין צו רעטן דיר...
געשוויגן האָט די פרוי, ס'איז אַ שאָטן דורכגעפלויגן שנעל,
באַהאַלטן זיך אין פינסטערן אַרום,
ס'האָט אין חושכדיקער צעלע אויפגעשיינט אויף העל
אַ האָפענונג אַ ליכטיקע און אויסגעלייגט זיך שטום...
(די אַרעסטאַנטן האָט צוויי טיפע שוואַרצע אויגן אויפגעריסן,
יעדער וואָרט געשלונגען, ווי שטיקער נאַכט דער טאָג,
פאַרמאַכט צוריק די אויגן, ביז בלוט די ציין פאַרביסן...)
ס'האָט דער וועכטער מיט אַ צאַפּלדיקן קול געזאָגט:
הער, צום טויט פאַרמשפּטע! אַ בשורה כ'טו דיר ברענגען!
פאַראַנען אַ געזעץ: מ'טאָר קיין פרוי ניט הענגען,
ווען ס'צאַפּלט זיך אַ קינד אין פרויען-טראַכט...
כ'בין יונג, און דו — אַ יונגע פרוי,
זאָלן ביידע מיר איין קערפּער ווערן,
כ'וועל דיין טראַכט באַפרוכפּערן, ווי די ערד דער טוי,
און ס'קינד וועט ביידע אונז געהערן...
ס'געזעץ וועט טויט אויף תפיסה דיר פאַרבייטן,
דיין טראַכט וועט טראָגן אַ יונגן וועכטערס זריעה,
און אונדז וועט אַ קינד געבוירן ווערן, אַ שטראַל אין חושכדיקע צייטן,

און טראָגן וועט דאָס קינד דעם אימה־נאָמען: תליה!!!
פאַרשוויגן האָט דער וועכטער .. ס׳האָט די פרוי דורך פינסטערניש
צו אים זיך דורכגעריסן
און אויסגעשריגן ווילד: מיין לייב צו דיר געהערט,
אונטער פליגלען פון דעם טויט פאַרשטומט ווערט דאָס געוויסן,
עס הייסט דאָס לעבן — לעבן און ראַנגלען זיך אויף ערד...
שטום געלעגן איז די נאַכט, געשוויגן האַרט,
צוויי קערפּערס איינגעוויקלטע אין לייב און ליבע,
אַ טורמע־וועכטער מיט אַן אַרעסטאַנטן, וואָס האָט אויף לעצטער שעה
געוואַרט —
אין דרויסן האָט געקלאַפּט אין לאָדן אַ טאָג אַ טריבער ....
ס׳איז אַ נאַכט געווען אַ גרויע,
ווי דאָס לעבן גרוי און האַרט,
שווערער טרויער אויף די ברעגן פון דעם הימל
האָט זיך אָפּגערוט און אָנגעשפּאַרט.

אין יענער נאכט

א.

אין יענער נאכט —
האט תאוה זיך אין חושך איינגעביסן,
האבן זונות קערפערס ביליק אויף דער גאס פארקויפט,
האט הונט און מענטש אין אייגן ווי זיך איינגעביסן
און לבנה האט געוועכטעוועט ארום — —

אין יענער נאכט —
האבן ארעסטאנטן קייטן זייערע געקושט,
קייטן — פריינט אין לעבן, ביי טאג, ביינאכט מיט זיי געבונדן
און א שטערן האט פון ווייטע הימלען געשיקט א גרוס
און לבנה האט געוועכטעוועט ארום — —

אין יענער נאכט —
האט אן עלנדער צוויי לונגען פוילע אויף דער גאס ארויסגעשפיגן
און געבליבן אויסגעצויגן אויפן ברוק;
ביינער האבן זיך אויף שטיינער אנגעהויבן וויגן
און לבנה האט געוועכטעוועט ארום — —

אין יענער נאכט —
האט א טויטער גוף געווארפן זיך אויף הויכער תליה
און אויפגעשריבן אויף שווארץ פאפיר קאשמארנע רייד,
און ערד האט טראכט פארמאכט, ניט געוואלט אויפנעמען קיין זריעה
און לבנה האט געוועכטעוועט ארום — —

אין יענער נאכט —
האט א משוגענער זיין אומגליק אויסגעטאנצט אין גאס
און געלאכט מיט גאל פון לעבן זיינעם,
(ער, — משוגענער — דער איינציקער בר־דעת)
און לבנה האט געוועכטעוועט ארום — —

אין יענער נאכט —
האט מיין אומרו מיר פון הויז ארויסגעטריבן,
האבן מיר פיס מיינע פארטראגן אין דער וויט,
(א וויטאק האט אין מח זיך פארקליבן)
און אנטקעגן מיר:
זונה, הונט און מענטש — —
ארעסטאנט און טויטער גוף — —

האָב איך געקושט זיי אַלע, געקושט אויך טויטע גלידער
און געבליבן שוין צווישן זיי — — נאָך איינער אַ מידער...
אין יענער נאַכט —
האָט לבנה געוועכטעוועט אַרום — —

ב.

איז אין יענער נאַכט —
האָב איך מיין לעבן אָנגענומען בײַ דער האַנט
און געוויזן: אַט קוק, לעבן מײַנער קוק:
ס'איז נאַכט אַרום: און אויך ציגל רויט אין שטומער וואַנט,
אויך שטיינער שווייגן אין דעם בּרוק
נאָר דו דאָר און מיד און אייביק וואָך
וואַנדערסט אום אין שוואַרצער נאַכט...

איז אין יענער נאַכט —
האָב איך אָנגענומען מיין אויסגעדאַרטן גוף,
און אַרויסגעפירט אויף גאַסן יעדער גליד,
קוק, האָב איך געזאָגט צו אים, אַרוף:
שטערן זינגען אין דער נאַכט אַ ליד,
הימלען איינגעוויקלטע אין בּענקשאַפט שווייגן שטום,
נאָר דו, ווי אַ געבּונדענער, וואַרפסטו זיך אַרום
און בּיינער דיינע גרייטן זיך אין וועג — —

אין יענער נאַכט —
האָב איך מיין גייסט אין גאַס אַרויסגעשיקט:
קוק, האָב איך געזאָגט: ס'איז נאַכט, און אַלץ איז טויט,
זריעה אין דער ערד עטעמט שווער מיט גליק,
אפילו אין אַ שטיין איז גייסט און גוף קיינמאָל ניט צעשיידט — —
נאָר דו, אין אַ פאַרקערטער ריכטונג האָסטו מיין גוף אַוועקגעטריבּן
און פאַר דיר אַן אַנדער וועג זיך אויסגעקליבּן?...

ג.

אין יענער נאַכט —
האָט פּלוצלונג אָנגעקלאַפּט אין פענסטער אַ העלער שיין,
כ'האָב אויפגעהויבּן מידן קאָפּ,
טיר און פענסטער אויפגעפּראַלט: אַ ר י י ן!...
טיש האָט זיך מיט טויזנטער קאָלירן שטיל בּאַדעקט,
וועגט האָבּן שירה זינגען אָנגעהויבּן,

הארץ האָט זיך מיט שטורעם אויפגעוועקט,
אַ האַנט אין אַלע ווינקלען פאַרזייט האָט הויפנס גלויבן — —
בין איך געבליבן שטיין, געפרעגט וואָס איז געשען:
ווּ האָט איר, אויגן מיינע, אַזויפיל ליכט געזען?

ד.

אין יענער נאַכט —
האָט אַ שוועסטער־האַנט די ווּנדן מיר געהיילט,
האָב איך דערזען אויך דיר, דעם ווייטן, דעם אומבאַקאַנטן צווייטן,
ס'האָט מיין אייגן לעבן מיר פון אַזויפיל ליכט דערציילט,
מיר, אַ שפּראָצלינג נאָר צווישן טויזנט בייטן.

אין יענער נאַכט —
האָב איך צו מיין אייגן טיר געטראָפן
און אויך פרעמדע שוועלן זענען ניט געווען פרעמד,
אַלע לעבנס זענען פאַר מיר געלעגן אָפן,
נאַקעט, אָן אַ צודעק, אָן אַ העמד...
און אַזוי האָב איך געלייענט: מיר אַלע איין מגילה,
מיר אַלע נאָר איין אות אַ ניט געשריבענער,
מיר אַלע שווייגן אויס צו מענטש אַ גרויסע תפילה,
צו מיר, — צו דיר, — דער אייביקער פאַרטריבענער...
מיר אַלע נאָר איין ליכט, איין גרויסער פלאַם, איין פרייד,
איין גרויס געזאַנג צו הייליקייט, צו לעבן,
איך מיט דיר געבונדן, קיינמאָל ניט צעשיידט,
פון אָנגעצונדענע זונען — טעג ליכטיקע מיר וועבן...

ה.

אין יענער נאַכט —
— — — — — — — — — — — — —

שניט

בלוט. צייטיקייט ווערט אָפּגעשניטן.
זאַנגען בייגן קעפּ צו בייטן.
שניטער! צו ווייסטו כאָטש איין לעבן נאָר פאַרהיטן:
אַ זאַנג, וואָס וויל זיך פון זיין בייט ניט שיידן?

שניטער, ווער האָט אַ קאָסע דיר אין האַנט געגעבן,
ווער האָט שניידן דיר געגעבן רעכט?
צו הערסטו דאָס געזאַנג פון בלוט און לעבן,
ווען פאַרשלונגען ס'ווערן טעג דורך רוצחים-נעכט?

שנייד, שניטער, שנייד, זאַנגען קלייב און קלייב,
זינג, שניטער, זינג, — דיין ליד איז בלוט פון לייב,
קאָסע העכער הויב, ס'איז צייט פון שניט, ס'איז צייט,
— — שטומער קאָסע-קלאַנג, צו ווייסטו דעם באַדייט? — — — —

שנייד, שניטער, שנייד, געוויין אַרום ניט הער,
זינג, שניטער, זינג, זאַנגען בינד אין גאַרבן,
אַלץ, וואָס וואַקסט און בליט און צייטיקט זיך אויף ערד,
מוז דיין גלעט פאַרנעמען, אַראָפּפאַלן און שטאַרבן.

אינזיך!

אינזיך! אַ וואָרט אַזאַ אַ באַהאַלטענער אין טיף,
אויסרייסן פון האַרץ און אַ קרבן דיר אים ברענגען,
אַ געשריי אַזאַ, ווי אַ זיך טרינקענדיקע שיף,
ווי טויזנט אָפּגעהאַקטע קעפּ אויף תליות אויסגעהאָנגען...

אַ וואָרט אַזאַ, באַגראָבן אין מיין טיף,
צעזויינט ער זיך, ווי הונגעריקע הינט,
ס'איז דער אומזין פון מיין לעבן, פון בלוט מיינער דער טריף,
דער וואָיען און געשריי פון מיינע זינד...

ליד נאָך ליד און דאָך — ער בלייבט טיף אין מיר פאַרשטעקט...
(קען איך דען אַליין אין מיינע טיפקייטן אַראָפּ,
אויסשעפּן מיין וואָרט געהילט אין נאַכטיק שרעק,
און צערטלען, ווי אַ קינד, זיין רויט פאַרבלוטיקט קאָפּ?)

אינזיך! פון מיר צו דיר — און דאָך: ס'בלייבט עפּעס ניט דערזאָגט,
אַ שטומקייט שפּרייט זיך אויס, די טראַגיק פון מיין איך,
און וויכערדיקן לויף הערט עפּעס ניט דעריאָגט,
און יעדן ליד דו פילסט ס'בלייבט עפּעס דאָך אינזיך...